קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 247 פרשת וישב · תשפ"ה

# כ"א כסלו

באקענט אייך מיט די היסטאריע פון די "**קאסטנער באן**" מיט וואס **הרה"ק מסאטמאר זי"ע** איז געראטעוועט געווארן. איז קאסטנער טאקע געווען אזא גוטער? וואס זענען געווען זיינע אמת'ע מאטיוון? וואס איז געווען זיין סוף? **נומער 12**



**היסטאריע בלעטער:**
נישט אין אונזער שטאט



**בריוו פון ראש ישיבה:**
מזל טוב  צום סיום בבא בתרא



**שטעטל נייעס:** ברסלב'ע אינגעלייט
אריין אינעם פייער דערפארטמענט



**קוק אהער:**
לעבסט אין א קולט

קרית ברסלב בלעטל

פרשת וישב תשפ"ה • 247


פייער דעפארטמענט! 10



טשעקלעך קומען! 19




וואס זאגט די מומע? 41



8 שפעקולאציעס

9 היכל הלכה

35 די ברסלב'ע שטוב

43 קינדער בלעטל



**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00


## זמנים
וישב כ' כסליו

הדלקת הנרות .. 04:12
מוצאי שבת ...... 05:43

**מנחה מעריב**
פרשת מקץ
05:30









# כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## אשריכם מחזיקי תורה!

וואס איר שטיצט אונזער כולל ביד רחבה וברוח נדיבה
אז די קול תורה אין כולל זאל אנגיין אומגעשטערט, ובפרט

# הר"ר **ישראל דוד העסקעל** הי"ו

# הר"ר **אברהם הערש וועבערמאן** הי"ו

## פרנס חודש כסלו

און די חשוב'ע נדבנים פון די פארגאנגענע חדשים

**פרנס חודש ניסן:** הר"ר **לוי יצחק זאפיר** הי"ו, הר"ר **אפרים פעלדמאן** הי"ו
**פרנס חודש אייר:** הר"ר **אהרן קליטניק** הי"ו, הר"ר **יעקב פיש** הי"ו
**פרנס חודש סיון:** הר"ר **בניהו אונגאר** הי"ו, הר"ר **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו
**פרנס חודש תמוז:** הר"ר **משה בראדי** הי"ו, הר"ר **מנשה איצקאוויטש** הי"ו
**פרנס חודש אב:** הר"ר **אליהו ציג** הי"ו, הר"ר **מרדכי לייב טירנויער** הי"ו
**פרנס חודש אלול:** הר"ר **יואל טייטלבוים** שליט"א, הר"ר **יואל הכהן ראזנבערג** הי"ו
**פרנס חודש תשרי:** הר"ר **שמעון עוזר גרינפעלד** הי"ו, הר"ר **משה יחיאל פעלדמאן** הי"ו
**פרנס חודש חשון:** הר"ר **מרדכי היימליך** הי"ו, הר"ר **שמואל אייכנשטיין** הי"ו

ובזכות החזקת התורה זאל ענק דער אייבערשטער בענטשן בכל
הברכות האמורות בתורה, עס זאל מקויים ווערן די פסוק אורך ימים
בימינה בשמאלה עושר וכבוד וימלא השם כל משאלות לבכם לטובה,
און אזוי ווי דער רבי האט צוגעזאגט "ביי וועם איך נעם געב איך"

*הנהלת הכולל*

# היסטאריע בלעטער



## נישט אין אונזער שטאט!

ש. צ. היסטאריקער

פאסירט האט אט די מעשה אין א קליין שטעטעלע מיטן נאמען "ביללינגס", וואס געפונט זיך אין מאנטענע - איינע פון די פארשטופטע שטאטן פון די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע. עס איז נעבן די סטעיטס פון איידאהא און ווייאמינג, צפון און דרום דעקאטע, און נאך אייניגע סטעיטס וואס זענען נישט באקאנט פאר גארנישט... פון אויבן גרעניצן זיי זיך מיט קאנאדע.

דער שטאט ביללינגס איז א פארהאלטמעסיג רואיג שטעטל וואס איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1882 למספרם, מיטן ציל אז די גרויסע באן שינעס וואס פארן פון די גרויסע מזרח שטעט ווי למשל שיקאגא און באלטימאר אריין אין די ווילדערנישן, זאלן האבן א שטיקל געגענט ווי זיך צו אפשטעלן, עס איז צוליב אירע פילע באן שינעס מיט די צייט געווארן א שטיקל הויפטשטאט פון די גאנצע אומגעגנט, און דעם גרעסטן שטאט פון די סטעיט מאנטענע.

אין דעם שטעטל איז געווען א שטיקל אידישע אנוועזנהייט, נישט ממש חסידישע אידן מיט ווייסע זאקן, אבער היסטאריע ביכער צייגן אן אז אין יאר 1993 האבן זיך געפינען אינעם שטעטל א קיימא לן פון עטליכע צענליגער אידישע משפחות (פון צווישן בערך 80,000 איינוואוינער), זיי האבן פארמאגט א רעפארם קאנגרעגעישאן און א אידישע בית החיים.

געווען איז דאס אין די יארן פון תש"נ און ווייטער 1990 למספרם, ווען געוויסע ראסיסטישע גרופעס אפעליאירט מיט די טרויעריג בארימטע קעי קעי קעי, האבן זיך אריינגעצויגן קיין ביללינגס מיטן ציל עס צו פארוואנדלען אין א פלאץ פאר בלויז ראסיסטן און אנטיסעמיטן, און זיי האבן אנגעהויבן בונטעווען אין שטעטל, זיי האבן זיך ארגענאזירט אין ביללינגס מיטן ציל אויסצורייסן אלע מינאריטעטן פון דארט, עס האבן זיך אנגעהויבן רדופות קעגן די שווארצע און ספאנישע און פארשטייט זיך אז ווען עס הייבט זיך אן מיט אומרועז סיי ווען און סיי וואו ליידן די אידן דאס מערסטע, עס האבן געבוזשעוועט ווינטן פון אנטיסעמיטיזעם אין שטעטל.

אינעם בית החיים וואס האט געהערט צום רעפארם קאנגרעגעישאן האבן די אנטיסעמיטן איבערגעדרייט מצבות, דאס האט פאסירט הארט בעפאר ראש השנה תשנ"ג, מיטן ציל צו אפשרעקן די אידן. אום ראש השנה אליינס האב זיי געמאכט א באמבע סטראשע צום קאנגרעגעישאן. און דערנאך האבן זיי אנגעפירקלט דעם רעפארם קאנגרעגעישאן מיט האס אויסדרוקן, א געוויסע פאפולערע איד וואס האט געפירט דעם ארקעסטרא פון שטעטל זענען זיינע פענסטער געווארן אויסגעשאסן, און דאן זענען אנטיסעמיטישע ליפלעטן פארשפרייט געווארן איבער די גאנצע שטאט, די אנטעסימיטן האבן געדרוקט צייטונגן פיל מיט אנטיסעמיטשע געשרייבאכצער און לאזונגן און דאס פארשפרייט אינעם גאנצן שטעטל, ס'האט אויסגעקוקט ווי די אידן וועלן דארפן נעמען דעם וואנדער שטעקן און זיך אוועקציען פון שטעטל. (אויב זענט איר פון די וואס נוצן נישט די שכל און שרייען אז "אין אמעריקע זענען מיר פארזיכערט" ליינט ביטע איבער פון אנהייב ארטיקל ביז אהער)

אבער דאן איז אלעס געקומען צו א האסטיגע אפשטעל, געווען איז דאס ווען א קליין פינף יעריגער אינגל מיטן נאמען 'אייזיק שניצער' האט ארויסגעלייגט ביים פענסטער פון זיין שלאף צימער א קליינע מנורה וואס ער האט געמאכט, און אום ח"י כסליו תשנ"ג האבן די אנטיסעמיטן אריינגעשאסן א גרויסן ציגל ביי דעם פענסטער מיטן ציל צו ווייזן פאר דעם קליינעם אייזיק'ל נישט צו זיך פירן מיט אידישקייט אפן און אים ווארענען אוועקצונעמען זיין מנורה, מיט ניסי ניסים איז דער אינגל נישט געווען דאן אין צימער און געראטעוועט געווארן פון חלילה געשעדיגט ווערן.

וואס האט פאסירט נאכדעם איז שטוינענד און א זאך פון וואס מען קען זיך אסאך לערנען, די גוים פון שטעטל האבן זיך צוזאמגענומען און באשלאסן איינמאל פאר אלעמאל פטור צו ווערן פון די אלע אנשיקענישן וואס פלאגן דעם שטעטל, "נישט אין אונזער שטאט" (Not in our town) האבן זיי אלע דערקלערט.

דער לאקאלע צייטונג, 'די ביללינגס גאזעט' האט געדרוקט אויפן פארנט בלאט א בילד פון א מנורה, אינאיינעם מיט דעם אנווייזונגען ווי אזוי אויסצושניידן דעם מנורה און עס ארויפצוקלעבן אויפן פענסטער (זעט דעם בילד אנהייב פונעם ארטיקל). אויף די גאסן האט

מען פארקויפט מנורה'ס און אלע איינוואוינער פון שטאט זענען געגאנגען און געקויפט און ארויסגעלייגט מנורה'ס ביים פענסטער.

ווען חנוכה איז אנגעקומען האט די שטעטל אויסגעקוקט ווי בני ברק... פון יעדן פענסטער האט זיך ארויסגעזען א מנורה, צענדליגער טויזענטער פאפירענע מנורה'ס זענען געדרוקט געווארן און אויפגעהאנגען געווארן איבער גאנץ בילליגנס.

די רעזולטאטן האבן נישט געשפעטיגט צו קומען; די אלע אנטיסעמיטישע גרופעס האבן געפאקט פעק און מער האט מען נישט געהערט פון זיי, זיי האבן זיך אוועקגעצויגן פון בילליגנס. ניין, נישט ווייל די פאליציי האט זיי ארעסטירט און נישט ווייל מען האט פראטעסטירט קעגן זיי אין די גאסן, ס'איז פשוט ווייל זיי האבן איינגעזעהן אז זיי האבן נישט וואס צו זוכן דא. דער מעסעדזש פון די בילליגנס איינוואוינער איז געווען קלאר, "מיר וועלן נישט לאזן אין אונזער שטאט טשעפענען אנדערע, אינאיינעם וועלן מיר מצליח זיין".

איינמאל די אנטיסעמיטן זענען ארויס פון שטאט, האבן די אידן אין בילליגנס אנגעהויבן וואקסן און בליען, עס געפינט זיך היינט אין בילליגנס אן ארטאדאקסישע קהילה מיט עטליכע הונדערט משפחות וואס זענען צענטערירט ארום חב"ד, און יעדעס יאר חנוכה קומט פאר א גרויסע מסיבה ווי מען צינדט אן א גרויסע מנורה און עס קומען ארויס הונדערטער שטאטס איינוואוינער, און זיי פייערן די ניסים פון חנוכה בימים ההם בזמן הזה.

עד כאן המעשה אין בילליגנס.

דעם סלאגאן "נישט אין אונזער שטאט" איז שוין איבערגענוצט געווארן צענדליגער מאל, סיי ווען ציווילע איינוואוינער האבן זיך צוזאמענגענומען טון צוזאמען סיי וואס צו באקעמפן האס, האבן זיי זיך באנוצט מיט די מיטלן וואס זיי האבן געזען אין בילליגנס אינאיינעם מיט דעם סלאגאן.

לאמיר יעצט אריבערלויפן קיין יבניאל עיר ברסלב; אין די זעלבע צייט וואס די אידן אין בילליגנס האבן זיך פיין אן עצה געגעבן מיט די העצערס, ליינען מיר ווי מוהרא"ש זצ"ל שרייבט אין די בריוון צו די ארטיגע אידן ווען זיי האבן זיך אסאך געמוטשעט אויפצושטעלן דעם שיינעם שטאט, נאכאמאל און נאכאמאל די זעלבע ווערטער, "אויב וועט איר זיך האלטן צוזאמען וועט איר מצליח זיין". און ווי קיינמאל געשריבן פארדעם וועט איר זען אין די בריוון פונעם קומענדיגע טאג נאכמאל די זעלבע ווערטער, "אויב וועט איר זיך האלטן צוזאמען וועט איר מצליח זיין". און דאן א טאג נאכדעם נאכאמאל און נאכדעם נאכאמאל עד אין סוף.

די עיקר יסוד צו הצלחה איז אז מ'האלט זיך צוזאמען. די באקאנטע סלאגאן וואס מוהרא"ש שרייבט "רק תחזיקו ביחד" איז סאך מער ווי אן אויסדרוק, ס'איז מיר נוגע יעדע מינוט פון טאג.

איך וועל געדענקען ווי מען האט אויסגעריסן די אנטיסעמיטן פון בילליגנס אן קיין איין שאס פולווער נאר מיטן זיך האלטן אינאיינעם, און אז איך האב געלונגענע מלמדים און טיטשערס פאר מיינע קינדער וועל איך זיי ווייזן אז, "יא, איך ווייס דו ארבעטסט שווער מיט מיין קינד, אבער זאלסט וויסן איך בין מיט דיר, איך שעץ דיין ארבעט". איך וועל אים געבן א שיינעם טיפ אויף חנוכה, און דער עיקר צושרייבן אפאר שיינע ווערטער.

איך וועל געדענקן בילליגנס און איך וועל מיך נישט לאזן העצן קעגן דעם הערליכן קהילה, און קעגן דעם שיינעם ברסלב'ן שטעטל, ווייל איך ווייס אז די איינציגסטע וועג ווי אלעס וואס דער ראש ישיבה שליט"א וויל טון פאר די קהילה (לייען: מיך מיט מיין משפחה), וועט ארבעטן נאר בתנאי אז מיר וועלן זיך האלטן צוזאמען, און אז מען האט עפעס לעדזשיט טענות אויף איינעם זענען דא אידן וואס זענען געשטעלט צו קענען העלפן. איך וועל מיך לערנען פון בילליגנס און זיך נישט לאזן פארפירן.

עס איז זייער קלאר אז זייט מען האט אנגעהויבן מיט די הנהלה אפדעיטס אויף די האטליין האבן זאכן ביי די תלמוד תורה זיך אנגעהויבן רוקן. ניין, נישט ווייל די טאון באורד הערט אונטער די שמועסן און זיי האבן זיך דערשראקן... נאר ווייל מיר האבן זיך צוזאמענגענומען צו מתפלל זיין אינאיינעם, און ביז אפאר וואכן האט פאסירט זאכן וואס מען האט געארבעט אויף דעם דריי יאר און מען האט געטאפט א וואנט, פונקט אזוי ווי מוהרא"ש שרייבט "רק תחזיקו ביחד".

און אז ס'מאכט זיך אמאל אז מען טרעפט איינעם וואס שוויצט פאר אונז זאל ער זיין א מלמד א סעקרעטערי אדער א מנהל, פאנדרעיזער, גבאי, באדאנקט מען אים שיין מיט א ווארימע "שכח" פאר אלעס וואס ער טוט צו העלפן "מיין" קהילה און מוסד.

און אויב איז מען יא אזא סארט מענטש וואס גלייכט מחלוקת, איז עס שוין דערנאך? דער ענטפער איז "עצתו אמונה"!

עס זענען פארהאן צוויי סארט באנק רויבער. די ערשטע סארט וועלן קומען דריי געבויטע חברה מיט גרויסע ביקסן און אריינשפאצירן אינעם באנק און סטראשענען אז אויב גיבט מען זיי נישט קיין געלט וועלן זיי שיסן, פארשטייט זיך אז מען גיבט זיי אהין דאס געלט וואס זיי פארלאנגען און זיי גייען ארויס פון באנק מיט א בינטל געלט.

די צווייטע סארט וועט קומען אויף א פרייטאג צונאכטס, שפעט שפעט ביינאכט און מיט א קליינעם מעסערל אויפשניידן די שלאס ארום די טיר, און דאן מיט א מאשינקע אויסלעשן די אלארמס, אזוי אן קיין רעש זיך אריינכאפן אינעם סעיף פונעם באנק און אריינפאקן די געלט אין א זעקל און אפיאגן פון שטח, ביי אזעלכע פעלער ווערט די באנק געוואויר פון דעם גניבה ערשט מאנטאג צופרי ווען די ארבעטער קומען צוריק צו די ארבעט.

נו ווער איז מער סוקסעספול? היסטאריע צייגט אז די צווייטע סארט גנבים וועט נעמען האבן א שטערקערע סוקסעס ראטע, ווידעראום די ערשטע סארט גנבים וואס טון אלעם מיט גרויס פאמפע, וועלן על פי רוב זייער שנעל געברענגט ווערן צו יוסטיץ.

עס זענען פארהאן אסאך באמבאסטישע עצות און געדאנקן אויף עבודת השם, ווי זיך צוברעכן דעם גוף, גיין אין א קאלטע מקוה און דאס גלייכן, עס איז באמת וואוילע זאכן, אבער די אלע סארט זאכן האבן א שוואכע סוקסעס ראטע, בבחינות דעם ערשטן סארט באנק רויבער.

לערנען ביי זיך אינדערהיים שטילערהייט עצתו אמונה איז אזוי ווי די צווייטע סארט רויבער, אז מען לערנט יעדע וואך עצתו אמונה פאר א געוויסע צייט, ווערט מען אינגאנצן געטויששט. עצתו אמונה איז אזוי דער אלטער שפריך ווארט "שטילע וואסערן גראבן טיף".

עס איז פארהאן אסאך צו מעריך זיין אין די נושא, אבער דער רעדאקטאר לאזט נאר א געוויסע צאל ווערטער יעדע וואך, וועלן מיר זיך דארפן אפשטעלן דא.

געדענקט בילליגנס, און לכבוד חנוכה וועלן מיר אינאיינעם זאגן "נישט אין אונזער שטאט".

א דאנק פאר הרב שאול שקעדי שליט"א פון חב"ד בילליגנס פארן ארויסהעלפן מיט די היסטאריע..

# פנינים

# אמונה, אמונה, אמונה!

געלויבט דער אייבערשטער אז דעם שבת פרשת וישלח, האב איך זוכה געווען צו זיין אין וויליאמסבורג במחיצת דער ראש ישיבה שליט"א, און שבת צופרי האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט סידור עת רצון, די ערשטע שטיקל פון "הודו", ווי מוהרא"ש שרייבט אז די איינציגסטע וועג צו מכניע זיין די קליפות איז דורך אמונה, רעדן פונעם אייבערשטן און צום אייבערשטן, דאס טרייבט אוועק אלע שלעכטע מחשבות.

דער ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט באריכות אז דאס איז עצה פאר אלע סארט ענקזייעטי און פאניק אטאקעס, ארויסצוזאגן מיטן מויל נאכאמאל און נאכאמאל: "אייבערשטער, אייבערשטער", דאס, און נאר דאס - טרייבט אוועק אלע שווערע מחשבות און נערוועזיקייטן, וואס דאן איז מען א באפרייטער מענטש, קיין שום טעראפי און טעראפיסטן קענען נישט טון וואס אמונה טוט, די לויטערע אמונה ברענגט א ליכטיגקייט און א זיסקייט פארן מענטש.

אינעם מכתב יומי, דעם פארגאנגענעם מאנטאג פרשת נח, שרייבט דער ראש ישיבה איבער דעם: ווען עס איז טונקל און מען וויל מאכן ליכטיג, פארשטייסטו אז מען קען נישט נעמען א בעזעם און אויסקערן די טונקלקייט, מען קען נישט נעמען א פע"ן און ארויסבלאזן די טונקלקייט; איין עצה איז דא, אנצינדן ליכטלעך, נאר אזוי ווערט אויס טונקל, די זעלבע איז מיט שלעכטע מחשבות, ספיקות; מען קען זיך נישט קריגן מיט שלעכטע מחשבות, מען קען נישט אויפהערן טראכטן די שרעקעדיגע זאכן. דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן עב), דאס איז די טבע פון שלעכטע מחשבות, ווי שטארק מען וויל דאס פארטרייבן - אלס שטערקער קומען זיי צוריק, איין עצה איז דא, אנצינדן ליכטלעך פון אמונה, טראכטן פונעם אייבערשטן.

ווען מען חזר'ט אמונה ווערט ליכטיג. יחזקאל הנביא דערציילט (יחזקאל מג, ב): "וְהִנֵּה כְּבוֹד אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל בָּא מִדֶּרֶךְ הַקָּדִים, וְקוֹלוֹ כְּקוֹל מַיִם רַבִּים", ער האט געזען כביכול דעם אייבערשטן קומען אין די עזרה, "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ", און פלוצלונג איז די גאנצע וועלט ליכטיג געווארן; חזר'ן אמונה - דאס איז די עצה פטור צו ווערן פון אלע שלעכטע מחשבות.

"שוין גענוג נאכגעלאפן די בהמות" (עיין סיפורי מעשיות מעשה יא, מבן מלך ובן שפחה שנתחלפו) אנשטאט זיך פייניגן מיט מחשבות, ספיקות ובלבולים - זאלסטו אריינעמען אין זיך די אמונה, און אז אלעס איז דער אייבערשטער; וועט דיר ליכטיג ווערן, עד כאן.

דער ראש ישיבה איז דערנאך אריין אין א שמועס פון סגולות, און ענינים לטובת נשמות צדיקים זכותם יגן עלינו, ווי אנצינדן לעכט וכדומה.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אלעס ווענדט זיך וויפיל מען גלייבט, וויפיל אמונה מען האט. מען קען זען ווי עטליכע מענטשן קענען טון א סגולה, ביי איינעם וועט עס ארבעטן און ביים אנדערן נישט, ווייל עס ווענדט זיך וויפיל מען גלייבט, גלייבן האט א מורא'דיגע כח. אזוי ווי די מעשה פון די קעצל מיטן גרוב (מסכת תענית ח.; עיין רש"י דבור המתחיל "מחולדה ובור", ותוספות דבור המתחיל "בחולדה ובור"), מיר וועלן עס נאכברענגען ווי דער ראש ישיבה שרייבט דאס אין א בריוו:

עס איז געווען א מעשה מיט א מיידל וואס איז אריין געפאלן אין א טיפע גרוב, איז אנגעקומען דארט א בחור און איר געפרעגט: "אויב איך וועל דיר ארויס שלעפן וועסטו מיט מיר חתונה האבן?" האט די מיידל געענטפערט: "יא", און זיי האבן גענומען פאר עדות די גרוב און א קאץ וואס איז בשעת מעשה דארט אריבער. דער בחור האט איר ארויסגעשלעפט פון גרוב און ער איז אהיים צו זיין שטוב און זי איז אויך אהיים צו איר שטוב. די מיידל האט געווארט פאר דעם בחור אז ער זאל מיט איר חתונה האבן, אבער דער בחור האט גענומען א צווייטע שידוך, ער האט חתונה געהאט און געבוירן א קינד. איינמאל האט פאסירט א שרעקליכע מעשה, עס איז געקומען א קאץ און געביסן דאס קליין קינד און דאס קינד איז געשטארבן, נאכדעם האט ער געבוירן נאך א קינד און די קינד איז אריין געפאלן אין א גרוב און אויך געשטארבן, האט אים זיין ווייב געפרעגט: "מַה זֶּה הַמַּעֲשֶׂה שֶׁהִגִּיעַ לָנוּ שֶׁלֹּא כְּשְׁאָר בְּנֵי אָדָם?" וואס איז דאס אז עס פאסירט צו אונז אזעלכע מעשיות וואס מען הערט נישט ביי א צווייטן? מיר דארפן מאכן א חשבון הנפש, אפשר האבן מיר איינעם ווייגעטון? ביז דער מאן האט זיך דערמאנט אז ער האט שוין געשלאסן א שידוך מיט א צווייטע, איז דאס זיכער א שטראף פארן ווייטון יענע מיידל, האט

## שיחות, זכרונות און אנעקדאטן

**יואל שניצלער**

אים זיין וויב געזאגט: "אויב אזוי, געב מיר א גט און גיי האב חתונה מיט איר".

און די גמרא פירט דארט אויס, מה-דאך דער וואס גלייבט אין א גרוב און א קעצל האבן זיי אים געהאלפן, איז דאך זיכער אז דער וואס גלייבט אינעם אייבערשטן וועט אים דער אייבערשטער העלפן.

האט דער ראש ישיבה געזאגט: עס קען זיך מאכן א מענטש האט א געפיל אין א געוויסע סגולה, אדער א געוויסע ענין לטובת ולזכר נשמות צדיקים, און נאך א שטיק צייט וואס ער הייבט אן טון דעם רבינ'ס עצות פארלירט ער די געפיל דערין, דאס איז נישט קיין אנדייטונג אז מ'איז חס ושלום געווארן אפגעקילט אין אמונה, אדער אמונת חכמים, נאר וויבאלד מען ווענדט זיך צום אייבערשטן אויף יעדע זאך וואס מען דארף, פארלירט מען די געפיל אין טון מיטלען וואס זענען מסוגל צו ברענגען א ישועה.

לדוגמא, אויב איינער האט א וועג אנצוקומען צו רעדן פערזענליך מיטן פרעזידענט, וועט ער דאס אויסנוצן און אריינכאפן רעדן מיטן פרעזידענט, ער וועט נישט גיין ערשט רעדן צום קאנגרעסמאן, צום סענעטאר און אזוי גיין שטאפל ביי שטאפל ביז ער וועט אנקומען צום פרעזידענט, נאר ער וועט גלייך גיין צום פרעזידענט, די זעלבע זאך איז כביכול מיט די עצה פון התבודדות, אויב איינער באנוצט זיך מיט די עצה פון התבודדות, ער בעט יעדע זאך דעם אייבערשטן, ער שמועסט אויס יעדע זאך מיטן אייבערשטן, און ער פארלירט די געפיל אין סגולות וכדומה, איז דאס נישט א סימן אז ער האט חס ושלום א שוואכע אמונה, נאר ער שפירט ווי ער קען אלעס בעטן גלייך פונעם אייבערשטן, אדער ביי א קבר פון א צדיק וכדומה.

נאכן דאווענען איז געווען נאך א דאזע פון אמונה, דאס מאל התחזקות אויף אמונה פשוטה. דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט סיפורי מעשיות, די מעשה פונעם חכם ותם, אז דער חכם האט געוואלט אויפווייזן פארן שליח וואס איז געקומען צו אים מיטן בריוו פונעם קעניג אז עס איז חס ושלום קיין מלך נישט פארהאן, און דער ראש ישיבה האט זיך אפגעשטעלט ביים שטיקל: "אוּן זֵיי זֶענֶען גִיוָוארִין קַבְּצָנִים פּוּס גֵייעֶרְס, אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גָאר נִיט חָשׁוּב גִיוֶוען. אוּן

> אויב איינער האט א וועג אנצוקומען צו רעדן פערזענליך מיטן פרעזידענט, וועט ער נישט גיין ערשט רעדן צום קאנגרעסמאן, נאר ער וועט גלייך גיין צום פרעזידענט.

מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיף זֵיי גָאר נִיט אוּם גִיקוּקְט אוֹיף אַזוֹיְנֶע קַבְּצָנִים", אז נאר אויב מ'האט אמונה האט מען א לעבן, אן אמונה האט מען נישט קיין לעבן, מען איז גלייך צום דעם שטערן זעער וואס איז געווען פארנומען צו באטראכטן די שטערנס, ער האט אבער נישט באמערקט ווי דארט וואו ער גייט איז דא א לאך און ער איז אריינגעפאלן אינעם לאך און זיך צעבראכן אלע ביינער. האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט, אז אזוי אויך דארף א מענטש וויסן אז אמונה וועט אים טראגן אויף די גוטע וועג, און דורך אמונה וועט ער מצליח זיין און אנקומען צו זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן, אנדערש איז אויב מען איז פארנומען מיט זייטיגע זאכן און דמיונות, מען פייניגט זיך מיט אלע סארט דמיונות און מחשבות, דאס לאזט איבער דעם מענטש אינגאנצן צעקלאפט, צעבראכן און ווערדלאז, אזוי ווי די צוויי חכמים..

אויך האט דער ראש ישיבה זייער שיין אויסגעשמועסט אז די כח פון אמונה איז דאס גלייבן, אמונה קען נישט זיין באגרינדעט און געבויט אויף דעם וואס מ'האט געהערט ווי איינער ווייזט אויף די ריכטיגקייט פון אמונה לויט די שכל, למשל, ווי א גוי להבדיל שטעלט א פראגע פאר א מאמין, און יענער ענטפערט אים צום זאך און פרעגט אים אפ, ווייל עס קען געמאלט זיין אז א צווייטע מאל וועט ער הערן ווי א צווייטער טיפש פרעגט א שאלה רח"ל אויף די אמונה, און דער וואס דארף אים דאס קענען פארענטפערן בלייבט שטיל, ער האט נישט וואס צו ענטפערן, און ער וועט בלייבן מיט די קשיא ח"ו, ממילא קען מען נישט בויען אמונה אויף שכל, נאר מ'דארף גלייבן בתמימות ופשיטות אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און ער פירט די וועלט, און וואס מען דארף זאל מען אים בעטן און אים דערציילן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער קען תלמידי היכל הקודש, זייער פשוט'ע מענטשן, מענטשן וואס האבן הנאה פון א פיין שטיקל פלייש, און אנדערע תענוגים און היינט זעט מען אויף זיי ווי זיי זענען צוגעקלעבט צום אייבערשטן, אלעס דורך אמונה פשוטה, זיי האבן אנגענומען דעם רבינ'ס עצה פון גלייבן אינעם אייבערשטן בתמימות ופשיטות, און רעדן צו אים, און היינט צו טאגס, אפילו זיי זענען עוסק על המחי' ועל הכלכלה, זענען זיי צוגעקלעבט צום אייבערשטן, און יעדער איינער וואס פאלגט די עצות קען זוכה זיין צו דעם..

אברהם משה שטראססער

# ווי א שיינע מעשה?

ווי א שיינע מעשה? ניין ווי א הערליכע ניגון!
וואו! זייער שיין געזינגען,
אפשר זינגסטו עס נאכאמאל,
איך וויל מיך עס דערלערנען,
וואו! איך ווער משוגע פאר די ניגון,
וועמענס ניגון איז דאס?
איך וויל דיך נישט משוגע מאכן,
אבער אפשר נאך איינמאל,
איך וועל דיר עס איבערזינגען,
נישט איין מאל,
צען מאל,
הונדערט מאל,
איך וועל עס זינגען,
ביז ווילאנג די וועסטיך עס אויסלערנען,
און... ווארט, איינמאל דו וועסט עס קענען,
דעמאלטס וועסטו הערשט עס ווילן הערן.

וואו! זייער אן אינערעסאנטע מעשה,
אפשר דערציילסטו עס נאכאמאל,
איך וויל מיך עס דערלערנען,
וואו! זייער א שיינע מעשה,
אינטערעסאנט, זייער באלערנד,
דערציילט און איך קען עס,
אבער דו דערציילסט עס שוין פיר מאל,
צען מאל, הונדערט מאל,
רבונו של עולם, איך ווער שוין משוגע,
עס קריכט פון די נאז,
די זעלבע מעשה נאכאמאל און נאכאמאל.

וואס איז די חילוק, וואס איז די נפקא מינה?

מען קען אריינקלערן, מען קען שפעקולירן,
איך וועל עס לאזן פאר אייך ארייצוטראכטן,
אבער,
אמונה איז ווי א ניגון,
מאנכע רעדן פון אמונה אום פורים,
יא... אויך פסח אויף דער נאכט,
און שוין, איך קען שוין די מעשה,
נו... נעקסט... קענסט רעדן פון עפעס נייי?
ניין! עס איז ווי א ניגון,
אז דו הערסט עס איינמאל,
גייט עס דיר בכלל נישט אריין אין קאפ,
אז דו הערסט עס צען מאל הייבסטו אן צו טראכטן א טראפ.
אז דו הערסט עס א מיליאן מאל...

יעצט... יעצט האסטו געכאפט די שיינקייט פון די ניגון,
יעצט בעסטו זיך, 'אפשר דאך רעד צו מיר נאך איינמאל',
זאג מיר נאכאמאל: "דער אייבערשטער איז דא"
"דער אייבערשטער הערט יעדעסווארט וואס איך רעד".

אבער דו האסט דאך עס שוין געהערט א מיליאן מאל?
טאקע וועגן דעם,
ווייל איך האב עס שוין געהערט א מיליאן מאל,
און איך כאפ עס,
איך פארשטיי עס,
וועגן דעם וויל איך עס הערן נאכאמאל און נאכאמאל,
עס איז ווי א שיינע ניגון! נישט ווי א שיינע מעשה!



# היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות הדלקת הנרות

**סימן רס"ג סעיף י"א, יב.**

**הקדמה:** ווען ס'קומט די זמן פון שב"ק ווערט שבת אטאמאטיש, די מענטש דארף גארנישט טון צו דעם [121]. אבער די הייליגע חכמים האבן מתקן געווען אז א מענטש קען נעמען אויף זיך שבת פריער פון די צייט דורך זיין דיבור, דאס הייסט דורך דעם וואס א מענטש זאגט ארויס, "הריני מקבל עלי קדושת שב"ק", איך נעם אויף מיר שב"ק, ווערט שבת מיט אלע הלכות. (אגב ס'איז א מצוה צו מקבל שבת זיין פריער) [122].

נישט נאר ווען מ'זאגט די ווערטער איז מען מקבל שבת, אזוי אויך ווען א פרוי צינדט און זי זאגט די ברכה "להדליק נר שבת" איז זי מקבל שבת, אזוי אויך ווען מ'דאווענט קבלת שבת איז מען מקבל שבת

ווי ערווענט [123] איז די הלכה ביי א פרוי, אז זי קען מאכן א תנאי, זיך אויסנעמען אז זי וויל נישט מקבל שבת זיין יעצט מיטן צינדען

**פ"ב)** אזוי איז אויך די הלכה דא, אז ווען מ'זאגט קבלת שבת איז מען מקבל שבת, אבער אויב מ'נעמט זיך אויס אז מ'וויל נישט מקבל זיין, דעמאלט איז מען נישט מקבל שבת [124].

אבער איינמאל מ'האט געדאווענט שמונה עשרה פון שבת - מעריב, העלפט שוין נישט קיין שום תנאי, און ס'איז געהעריג שבת [125].

**פ"ג)** אגב אינדערוואכן אויב מ'האט געדאווענט מעריב פארן זמן טרעפט מען אין שו"ע לגבי געוויסע הלכות אז ס'האט א דין ווי נאכט, מיר וועלן דא ברענגען געוויסע הלכות:

**1.** נאך מעריב, זאגט מען שוין נישט קיין ברכה אויף די ציצית אפי' אויב ס'איז נאך טאג (רמ"א סי' ח"י סעי' א') [126].

**2.** אויב מ'האט נאך נישט אנגעטון תפילין, זאל מען אנטון תפילין אן א ברכה [127].

**3.** אויב א קינד איז געבוירן פאר נאכט נאך מעריב, לגבי די אכט טעג צו ברית, מאכט עס נישט אויס, מ'רעכנט נאך דעם טאג פאר איינס [128].

**4.** לגבי ספירה; אויב איינער האט געדאווענט מעריב און ס'איז נאך נישט נאכט, קען ער נאך ציילן דעם פארגאנגענעם טאג, און ער קען ווייטער ממשיך זיין ציילן מיט א ברכה [129] [130].

**הקדמה:** דער הייליגע מחבר אין סימן רנ"ו ברענגט א גמרא אין מסכת שבת ל"ה: אז ווען אידן האבן געוואוינט אין ארץ ישראל בזמן הבית, איז געווען תקנת חז"ל מ'זאל בלאזן 6 תקיעות, כדי דער עולם זאל אויפהערן טון מלאכות, און מ'זאל מקבל שבת זיין

פון דעם נעמט זיך די מנהג אז אין רוב אידישע געגענטער איז דא א שבת פייפער, וואס דערמאנט אז ס'קומט שוין שבת.

ס'איז נישט ממש די זעלבע זאך, ווייל בזמן הבית האט מען מקבל שבת געווען, היינט איז עס נאר צו דערמאנען. פון דעם לערנען די ראשונים ארויס [131] אז פונקט ווי דעמאלט האט נישט געקענט זיין אז איינער זאל יא מקבל שבת זיין און איינער נישט, נאר יעדער האט מקבל שבת געווען אין די זעלבע צייט, אזוי אויך היינטיגע צייטן

**פ"ד)** ווען מ'דאווענט אין שול, און מ'איז מקבל שבת אין שול, ווערט יעדער נאכגעשלעפט נאכדעם, און מ'מעג שוין מער נישט טון קיין מלאכות [132], און ס'העלפט נישט קיין תנאי [133].

אבער די הלכה גייט נאר אן טאמער ס'איז נאר דא איין שול מיט איין מנין, למשל א קליינע שטאט, א קאנטרי קעמפ, וכדומה, אבער טאמער ס'איז דא עטליכע מנינים, און יעדע מנין דאווענט אין א אנדערע צייט [134] דעמאלט ווערט מען נישט נאכגעשלעפט [135].

## מקורות והערות

**121)** עי' בס' מחנה ישראל (מחב' חפץ חיים) פ"ה אי"ה וכן בחיי אדם (כלל ה' ס"ב) שטעות גדולה טועים העם שמושבים שאין השבת חלה אלע ע"י אמירתם, דהיינו כשהגיע הזמן אינו תלי בכלום

**122)** כ"כ בשו"ע סי' רס"א סעי' ב'. **123)** ע"י "בהיכל הלכה" פר' תולדות. **124)** ערוך השולחן ס' רס"ג סעי' י"ט: א"ר סקכ"ה, שלחן הטהור סעי' י"א, הג' הגרעק"א סק"ח. **125)** כ"כ מחב' סעי' י"א - עי' ב"י מקור, אויב מ'האט נאר געענטפערט אויף "ברכו", קען מען זיך נאך אלס אויסנעמען אז מ'וויל נישט מקבל שבת זיין (הג' הגרעק"א סק"ח - כף החיים סקע"ה)

**126)** לשון רמ"א סי' ח"י סעי' א', ואחר תפילת ערבית אעפ"י שעדיין יום הוא, אין לברך עליו.

**127)** בשו"ע כ', מחב' ויש מי שאומר שאם התפלל תפלת ערבית מבעוד יום, עד שלא הניח תפילן אין לו להניחם אח"כ, אבל עי' משנ"ב סקי"ז שכ', אך האחרונים הסכימו להלכה דמחיב להניחן ובלי ברכה, וכן נפסק בתניא סעי' בי', וז"ל וטוב לחוש לסברא האחרונה - דהיינו להניחן בלא ברכה

**128)** מחבר יו"ד סי' רס"ב סעי' ז', וז"ל אין דבר זה תלו בתפלה, אם התפללו מבעו"י לא להקל ולא להחמיר.

**129)** שו"ת אגרת משה ח"ד סי' צ"ט אות ג'. **130)** וכן לגבי הפסטה"ר איתא בשו"ע, ברמ"א דלכחילה יעשה לפני מעריב, ובדיעבד אין לחוש לזה.

**131)** מרדכי סי' רצ"ז. **132)** מחב' סעי' י"ב. **133)** פשוט וכן יוצא מכף החיים סקע"ה. **134)** פשוט ווייל טאמער יעדער דאווענט אין די זעלבע צייט, דעמאלט איז דער גאנצער שטאט מקבל שבת אין די זעלבע צייט, איז ווייטער יעדער מחויב צו האלטן שבת דעמאלט.

**135)** שרייבנ'דיג די שורות האבן מיר זיך דערמאנט וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט פארציילט שב"ק פר' מטו"מ ביים באטע, אז ווען דער הייליגער חתם סופר'ס מאמע הצדיקת ריזל ע"ה האט אים געדארפט געבוירן, איז עס געווען ערש"ק - (ז' תשרי תקכ"ג לפ"ק) האט זי געשיקט צו מרא דאתרא פון פראנקפורט דמיין הגאון ר' אביש חסיד זצ"ל, אז ער זאל ווארטן מיט קבלת שבת אויף איר, כדי מ'זאל נישט דארפן מחלל שבת זיין, און ער האט טאקע געווארט, צו געבנדיג אז ס'איז ראוי צו ווארטן אויף דעם קינד וואס וועט לעכטיג מאכן אידן מיט זיין תורה, און העלפן אידן מיט זיין תפלה. זעט מען דאך פון די מעשה, אזוי ווי די דין איז טאקע, אז טאמער מ'האט שוין מקבל שבת געווען די גאנצע שטאט, איז שוין שבת, זי"ע ועכ"י.

# אריינגענומען אינעם ליבערטי פייער דעפארטמענט ברסלב'ע אינגעלייט

ברוך השם עס בויעט זיך א שיין ברסלב'ע שטאט אין ליבערטי ניו יארק, ווי די משפחות פירן זיך מיטן הייליגן רבינ'ס עצות, מ'רעדט צום אייבערשטן, מ'לערנט תורה יעדן טאג, מ'דאווענט שחרית מנחה מעריב מיט מנין, מ'רעדט שיין אינדערהיים, און אזוי ווייטער.

פארשטייט זיך אז מ'בויעט א נייע געגנט דארף מען דאך האבן אסאך באדערפענישן פאר די געברויך פונעם ציבור, יעדע שטיק צייט הערט מען פון נייע אויפטואונגען וואס דער ראש ישיבה שטעלט צו.

צו ס'זאל זיין מיט קענען איינקויפן קליידער פאר גאר ביליג. אדער ס'זאל זיין א בית התבשיל אין שטאט, א גאר אויסגעהאלטענע עירוב ארום דעם גאנצן שטאט. שאטעל, מצה בעקעריי, הצלה וואלאנטורן, חברים, און נאך און נאך וואס מ'שטעלט אלץ אהער.

יעצט הערט מען פון נאך א פראיעקט וואס דער ראש ישיבה ארבעט אויף, דאס איז אז אינגעלייט זאלן זיך איינשרייבן אינעם פייער דעפארטמענט און זיין גרייט על כל צרה שלא תבא.

אלע ווייסן זייער גוט די חילוק ווען א איד לויפט צו א קאל, ווי ווען זיי לויפן צו א קאל, ס'קען נעמען לאנגע מינוטן ביז זיי קומען אן, וואס אסאך מאל העלפט שוין נישט זייער קומען, ס'איז שוין ליידער דערנאך.

יעצט ארבעט מען אז א גרופע אינגעלייט זאלן זיין אינעם פייער דעפארטמענט, כדי ארויסצוהעלפן אחינו בני ישראל וואס וואוינען דא א גאנץ יאר און אזוי אויך די וואס קומען ארויף פאר זומער.

צום ערשט איז מו"ה יוסף פריעדמאן הי"ו אריין אינעם פייער דעפארטמענט, אין די טעג איז מו"ה לייבי אפפעל הי"ו אויך געווארן אנגענומען ביי זיי, נאכן אדורכגיין געוויסע טעסטס און טרעינירונגען.

אזוי אויך האבן נאך אפאר אינגעלייט אנגעהויבן די פראצעדור צו ווערן אנגענומען ביי זיי.

דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל דאס קיינמאל נישט דארפן ניצן פאר נישט גוטע זאכן, ס'זאל אלעמאל זיין גוט פאר אידישע קינדער.

**מיין פייער'ל וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען!**



איבער
# אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## יעקב אדער יענקב?!

### שאלה

**וואס איז פשט פארוואס דער נאמען "יעקב" ווערט ארויסגעזאגט כאילו עס וואלט געשטאנען "יענקב". וואו קומט אריין דא דער נ' קלאנג?**

**יעקב ז.**

### ענטפער

דיין שאלה פארוואס דער נאמען "יעקב" ווערט געזאגט ווי "יענקב" איז זייער א גוטע. לאמיר אריינגיין אביסל דערין. עס איז דא וואס זאגן, אז דער מקור פון דעם "יענקב" ליגט אין דעם וואס אריגינעל פלעגט מען הערן א חילוק צווישן אן א' און אן ע'. מען קען נאך היינט הערן ווי די תימנע אידן זאגן דעם ע' אז הערט זיך עס אביסל ווי אן א' מיט א נ'.

די סברה זאגט אז אין די לאנגע גלות אייראפע, זענען פילע פון די אור אלטע אריגינעלע קלאנגען פון לשון קודש פארלוירן און פארגעסן געווארן.

לויט די תימנע מסורה איז נישטא קיין צווי אותיות א' און ע' די זעלבע. אזוי אויך דער ב' און דער ו' זענען אנדערש, בשעת דער ב' זאגן זיי ווי אונז, איז דער ו' אזוי ווי דער ענגלישער W. דער ט' און דער ת' זענען אויך אנדערש, דער ח' און דער כ', הערן זיך אנדערש, לויט דעם קומט אויס אז דער נאמען יעקב פלעגט זיך אריגינעל הערן ענליכער צו יענקב ווי צו יעקב, און פון דעם איז אונז געבליבן דער נ' אינעם נאמען יעקב.

אבער איר דארפט זיך נישט זארגן איבער די קלאנגען און די הברות פון די אותיות, ווייל מיר האבן מיטגענומען די געשריבענע ווערטער פון די הייליגע תורה, און די ווערטער פון חז"ל און אלע צדיקים פון אלע דורות, וואס האבן אונז געלערנט פונקטליך וויאזוי צו היטן די תורה, דער הייליגער מסורה האלטן מיר ווייטער אן מיט מסירת נפש.

עס איז דא וואס זאגן א סברא אז דער נ' איז פשוט אריינגעקומען מיט די צייט ווייל די ווארט יענקב זאגט זיך מער פליסיג ווי יעקב, אדרבה פרובירט עס אליינס, דאס ווארט יענקב גייט בעסער ארויס. אבער ביים ליינען די תורה זאגט מען טאקע יא יעקב אזוי ווי עס שטייט, ווייל דער צוגעלייגטער נ' איז נאר אויף צום רעדן און שמועסן, אבער קריאת התורה דארף מען זאגן אזוי ווי עס שטייט אין חומש.

ווי עס זאל נישט זיין, ווען מיר אנהאלטן די מידת פון יעקב אבינו עליו השלום, תתן אמת ליעקב, מיר וועלן האלטן אונזער מויל נישט ארויסצוזאגן קיין ווארט שקר חס ושלום, און אפילו עס איז שווער וועלן מיר עס טון. אבער מאכט נישט קיין טעות. שקר און אמת זענען נישט אזוי פשוט ווי עס זעט אויס, שקר מיינט קעגן די תורה, און אמת מיינט אז אזוי וויל דער אייבערשטער. אויב מיינע ווערטער - ווי אמת'דיג עס זאל נאר אויסזען - וועט ברענגען מחלוקת, איז עס די גרעסטע שקר, אבער אויב מיין פארדרייען די פאקטן וועט ברענגען צו ליבשאפט צווישן אידישע קינדער, איז דאס אמת.

מען זעט אין די סדרה ווי שרה האט געזאגט "ואדוני זקן", "איך קען נאך האבן קינדער?" האט שרה געזאגט "מיין מאן איז שוין אלט". אבער דער אייבערשטער דער מקור האמת האט געזאגט פאר אברהם "ואני זקנתי" אז זי האט געזאגט "איך בין שוין אלט". פון דעם וועלן מיר זיך לערנען ביידע זאכן, סיי נאר צו זאגן דעם אמת, און אין די זעלבע צייט צו מרבה זיין ליבשאפט און שלום צווישן אידישע קינדער.

בפרט ווען עס קומט צו א פארפאלק איז די גרעסטע מצוה צו רעדן גוטס איינע אויפן צווייטן, זאגן פאר די פרוי ווי חשוב און גוט איר מאן איז, און פאר'ן מאן וואספארא גוטע פרוי ער האט, און מיט דעם וועלן מיר זוכה זיין צו לעבן א גוטע זיסע לעבן מיט'ן אייבערשטן.

**מותר לשנות מפני השלום!**

# בייא בסליג

## היסטאריע פון קאסטנער באן

ש. טראכטער

### די קאסטנער טראנספארט

א שטיפעניש... א געדרענג... די לעצטע שאנסן זיך צו זען אויף די פריי, צו לעבן. די סאדיסטישע סאלדאטן שטייען מיט זייערע שטייפע שטיוול און גלאנציגע שווערדן, און פארטרייבן אלע וואס זוכן זיך ארויפצוכאפן אומלעגאל. טרערן און בקשות פאלן אויף טויבע אויערן, נאר ווער עס האט די נויטיגע פאפירן ווערט ארויפגעלאזט.

"די קאסטנער טראנספארט"! איר האט שוין מעגליך געהערט דערפון אין צוזאמענהאנג מיט כ"א כסלו. קאסטנער איז געווען דער וואס האט צוזאמגעשטעלט די באן וואס האט געפירט דעם סאטמארער רבי זי"ע קיין בערגן בעלזן און דערנאך אום כ"א כסלו קיין שווייץ. ביי פיל מענטשן איז קאסטנער פארבליבן מיט א גוטע אנדענק פאר'ן ראטעווען די לעבן פון איבער 1600 אידן.

ווער איז אבער קאסטנער באמת געווען? צו האט ער געראטעוועט דעם סאטמארער רבי'ן צוליב זיין גוטהארציגקייט?

היסטאריע דעקט אונז אויף איבער דעם פאקט אז קאסטנער איז גארנישט געווען קיין אוהב ישראל. קאסטנער איז געווען א איד, אבער לײדער א פרייער איד וואס האט קיין שייכות מיט אידישקייט נישט געהאט. פארקערט, קאסטנער האט געארבעט האנט ביי האנט מיט די נאציס ימ"ש זיי זאלן מצליח אין זייער ציל, נישט קוקנדיג וואס עס איז באמת די טובה פון זיינע ברודער. ער האט געהאט א תאוה צו ווערן זיין א פירער, ממילא ווייל ער איז געווען אזוי פארבלענדעט מיט ציל, האט ער זיך געלאזט איינרעדן צו ווערן נאנט מיט די נאציס ימ"ש, ווי איידער צו נוצן זיין פאזיציע צו העלפן זיינע אייגענע ברודער, ליידער.

קאסטנער איז געבוירן צו פרייע עלטערן און האט שפעטער חתונה געהאט צו די טאכטער פון דר. פישער.

דר. פישער איז אויך געווען אן אסימילירטע איד רח"ל, אבער זיין מאמע איז נאך געווען אן ערליכע אידענע.

ליידער האט קאסטנער דערגרייכט אזא נידריגע מצב אז ער איז אנגעקומען נישט נאר מיטצוארבעטן מיט די דייטשן ימ"ש, נאר ער האט זיי ארויסגעהאלפן, און האט אויך פארברענגט מיט זיי ביז ער איז געווארן ממש איינע פון זיי רח"ל.

אויך איז קאסטנער געווארן גאר נאנט מיט די טרויעריג בארימטע אייכמאן ימ"ש, איינע פון היטלער ימ"ש'ס נאנטסטע מענטשן.

אין 1944 האבן די דייטשן געשפירט אז זיי האלטן שוין כמעט ביים פארלירן די קריג. דאס האט זיי אבער נישט אפגעהאלטן פון איינגעמען אונגארן.

אונגארן איז באשטאנען פון א מיליאן אידן, וואס די דייטשן האבן געוואלט רח"ל אויס'הרג'ענען אויף א סיסטעמאטישע אופן.

די דייטשן האבן אבער געהאט א פראבלעם, זיי האבן מער נישט געהאט גענוג סאלדאטן, דעריבער האבן זיי זייער מורא געהאט אז די אידן וועלן מאכן אן אויפשטאנד קעגן זיי.

אין יענע תקופה איז זייער גרינג געווען צו שווערצן דעם גרעניץ קיין רומעניע, דורך קלויזענבורג. טויזנטער אידן האבן דארט אדורכגעלעבט די מלחמה רואיגערהייט. די דייטשן האבן אוודאי נישט געוואלט אז די אידן זאלן אדורכשווערצן דעם גרעניץ, דא איז קאסטנער זיי געקומען צו הילף און איינגערעדט פאר די אידן אז איבער'ן גרעניץ איז פאראן א גרויסע סכנה און עס ווארט זיי טויט שטראף רח"ל.

אגב, דער סאטמארער רבי'ס טאכטער רויזא'לע ע"ה האט זיך יא אדורגעשווערצט און אזוי איבערגעלעבט די קריג. פיל אידן האבן אים געגלייבט, און דעריבער זענען זיי דארט געבליבן און געגאנגען צו זייער

טויט אן קיין ווידערשטאנד.

די דייטשן האבן ארייננמארשירט אין אונגארן מיט נישט מער ווי 5,000 סאלדאטן קעגן א מיליאן אידן! וויאזוי האבן זיי דאס געקענט טון? צו דעם צוועק האבן זיי אריינגעמישט קאסטנער.

זייענדיג אן אונגארישע איד פון קלויזענבורג, האבן די אידן געהאט צוטרוי און אים. זיי זענען געקומען צו לויפן צו קאסטנער און קאסטנער האט אויפ'ן פארלאנג פון די רשעים ימ"ש, זיי איינגערעדט אז די דייטשן ווילן זיי נישט שלעכטס טון. ער האט זיי אויפגעליינט א בריוו וואס איז געווען שקר וכזב. אינעם בריוו האט ער געליינט פון א מ'כלומר'ישע איד וואס איז געשיקט געווארן צו א שטאט וואס הייסט קעניא מעזע. די אפטייטש פון די שטאט מיינט "ברויט פעלד". עס איז אין אמת'ן קיינמאל נישט געווען אזא שטאט, נאר דאס איז געווען א פיקטיווע נאמען כדי איינצורעדן די מענטשן זיך צו פארלאזן אויף די דייטשן ימ"ש. דער "מענטש" פארציילט אין זיין בריוו אז די דייטשן האבן אים אוועקגעפירט אין א צוויטן דערפל, אבער ער פעלט זיי גארנישט. די פרויען זענען פארנומען מיט די קינדער און די מענער ארבעטן אין פעלד.

כדי צו מאכן די אידן גלייבן די בריוו האט ער 'געליינט' אז עס איז זיי אביסל שווער און ענג, אבער נישט ווי מען פארציילט פון די אלע שוידערליכע רציחות, דאס איז ליגנט.

קאסטנער האט 'בארואיגט' די אידן אז די דייטשן ווילן זיי נישט שלעכטס טון, און די אידן האבן אים געגלייבט. דאס האט שטארק צוגעהאלפן פאר די דייטשן צו קענען איינגעמען אונגארן אן קיין ווידערשטאנד.

אלץ אויסטויש פאר זיין "געטריישאפט" האט אייכמאן ימ"ש געפרעגט קאסנאר וואס ער וויל באקומען דערפאר, און דאן האט קאסטנער פארלאנגט א באן וואס זאל פירן 700 פושעי ישראלים, ציונים, קיין פאליסטינע, וואו זיי וועלן בויען א לאנד.

אייכמאן ימ"ש האט אים אבער געזאגט אז ער קען זיי נישט שיקן קיין פאליסטינע, ווייל ער האט צוגעזאגט פאר'ן מאפטי פון פאליסטינע (ארץ ישראל) אז ער וועט נישט אהינשיקן אידן. ער האט אים אבער אנגעטראגן צו שיקן די באן קיין שווייץ וואס איז געווען א נאטראל לאנד און נישט געווען פארמישט אינעם קריג, און פון דארטן וועלן זיי גיין וואו זיי ווילן.

אזוי איז עס ארויס א ידיעה אז עס פארט א באן צו פרייהייט, האבן מער און מער מענטשן זיך געוואלט מיטכאפן צו פארן. זיי האבן דעריבער משחד געווען די דייטשן, און זיך אויך פארשאפט שריפטן מיטצופארן מיט'ן באן.

די דייטשן האבן אויך געהאט אן אינטערעס אז די רייזע זאל צושטאנד קומען, ווייל זיי האבן דאך געשפירט אז די סוף פון די קריג קומט, און זיי האבן אויך געזוכט א וועג צו אנטלויפן און פארשוואונדן ווערן איידער די וועלט וועט אפירזוכן זייערע שפירן און זיי ברענגען צו גערעכטיגקייט.

פון א געפלאנטע רייזע פון 750 מענטשן, איז צום סוף געווארן 1682 מיטרייזנדע.

ווען די אידן פון קלויזענבורג האבן געהערט פון באן, האבן זיי פארארבעט מעשים אז דער סאטמארער רבי זי"ע, ר' יונתן שטייף זי"ע, דער ביקסאדער רב זי"ע און נאך ערליכע אידן זאלן קענען מיטפארן מיט די טראנספארט.

וויאזוי איז דער סאטמאר רבי אנגעקומען קיין קלויזענבורג? דער פלאן איז געווען אז דער רבי וועט שווערצן דעם גרעניץ צו ראמעניע, אזוויי פיל האבן געטון ווי אויבנדערמאנט. ער האט זיך ארויסגעלאזט פון סאטמאר מיט אן אמבולאנס. עס האט זיך געטון א שטארקע געדרענג. יעדער האט זיך פראבירט מיטצוכאפן מיט אמבולאנס צו קענען שווערצן מיט'ן רבי'ן.

ווען די טראק איז אנגעקומען קיין קלויזענבורג האט מען מיט שרעק באמערקט אז אין די שטופעניש זיך מיטצוכאפן מיט'ן רבי'ן אז דער וועג-ווייזער - דער איד וואס האט זיי געדארפט אנווייזן וואו צו גיין, איז געבליבן אינדערויסן, און איז נישט אנגעקומען קיין קלויזענבורג. די טראק, וועלכע האט געציטערט אז מען וועט אויפדעקן דעם שפיצל אז ער האט געשווערצט "קראנקע מענטשן", האט זיי ארויסגעווארפן און איז שנעל צוריקגעפארן קיין סאטמאר. עס האט נישט גענומען א לאנגע צייט, און די פאליציי אין קלויזענבורג האבן אויפגעכאפט אז די בהלה איז א געשווערצע מעשה, זיי האבן געכאפט דעם רבי'ן און אים איינגעזעצט אין טורמע אינאיינעם מיט ר' יוסל אשכנזי - דעם רבינ'ס גבאי.

זיצענדיג אין תפיסה האט דער רבי אסאך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל אים ארויסנעמען פון דעם שווערן מצב וואס ער געפונט זיך. און א נס האט פאסירט; דארט אין תפיסה איז געווען א קליין פענסטער'ל, ר' יוסל האט אויפגעהויבן דעם רבי'ן און אים געבעטן אז ער זאל באווייזן זיין צורה פון פענסטער. ער האט געהאפט אז איינער וועט אריבערגיין און דערקענען דעם רבי'ן. אזוי האט טאקע פאסירט, א איד פון קלויזענבורג איז אריבער, און ווען ער האט געזען אז דער סאטמארער רב איז אין תפיסה האט ער אנגעוואנדן אלע מיטלען ביז מען האט אים ברוך השם באפרייט און אריינגעשיקט אין געטא. דארטן האבן די אידן אנגעוואנדן כוחות אז דער רבי זאל אנקומען אויפ'ן קאסטנער טראנספארט.

קאסטנער האט אבער נישט געהאט קיין שום אינטערעס אז דער סאטמאר רב זאל מיטקומען מיט זייער טראספארט, דעריבער האט ער זיך אנטזאגט פון אים

מיטנעמען.

דעם נעקסטן אינדערפרי איז קאסטנער'ס שווער - דר. פישער, געקומען צו זיין איידעם און אים דערציילט אז ביינאכט איז זיין מאמע אים געקומען אין חלום און געווארנט אז אויב וויל ער אז די באן זאל אנקומען צו איר ציל, דאן זאל ער מאכן זיכער מיטצונעמען ר' יואל טייטלבוים קיין שווייץ.

נאך אזא חלום איז זיי נישט ווערד געווען איינצושטעלן, און זיי האבן איינגעשטומט מיטצונעמען דעם רבי'ן. די באן האט זיך ברוך השם ארויסגעלאזט אין וועג. אבער אינמיטן פארן האבן זיי באקומען א פאראדענונג פון די העכערע פענסטער אז זיי זאלן אויסדרייען די ריכטונג פונעם באן און אים פירן קיין אוישוויץ רח"ל. זעט אויס עס האט נאך אויסגעפעלט נאך אפאר תפילות מען זאל זיך ארויסזען פון די רשעים.

די באן האט זיך אפגעשטעלט ערגעץ נעבן בודאפעסט. די נאציס אויפ'ן באן, ווי שוין פריער דערמאנט, האבן געהאט אן אינטערעס אז די באן זאל יא אנקומען קיין שווייץ, ווייל זיי האבן דאך געוואלט אנטלויפן פון געוועכטיגקייט... זיי האבן אבער מורא געהאט צו טון קעגן דעם באפעל.

איז די באן אזוי געשטאנען אינמיטן וועג, בשעת מען שפעקולירט וויאזוי זיך ארויסצודרייען פונעם פלאנטער. דא איז דער סאטמארער רבי זי"ע געקומען צו הילף, דער אייבערשטער האט אים אריינגעשיינט א געוואלדיגע געדאנק, ער האט ארויסגעשיקט א יונג מיידל צו ר' חיים ראטה, אים צו בעטן צו שתדל'ן אז די טראנספארט זאל אנקומען צו איר ציל.

ר' חיים האט זיך פארבינדן מיט ר' מיכאל בער ווייסמאנדל ז"ל ווי אויך מיט די שטרנבורג'ס פון שווייץ, און זיי האבן געשיקט לאזן וויסן פאר די דייטשן ימ"ש אז אויב לאזט מען די באן ווייטער פארן וועלן זיי באצאלן מיט 25 טראקטערס, וואס די דייטשן האבן געדארפט פאר'ן קריג. זיי האבן פארשפראכן אז עס וועט זיי אפווארטן ביים גרעניץ פון שווייץ.

די דייטשן האבן אבער נישט געוואלט 'אפליפערן' די 'סחורה' איידער זיי באקומען די צוגעזאגטע טראקטערס. דעריבער האבן זיי פארקיווערט די באן און זיך אפגעשטעלט אין בערגן בעלזן.

אין בערגן בעלזן האבן די אידן פארווײלט בערך אכט חדשים, ביז עס איז אנגעקומען די ידיעה אז די טראקטערס זענען אנגעקומען, דאן האט די באן באקומען רשות ווייטער צו פארן.

ענדליך נאך אזויפיל וואנדערנישן האט פאסירט די געוואלדיגע נס, כ"א כסלו איז די באן אנגעקומען קיין שווייץ און דער סאטמארער רבי מיט אלע אנדערע אויפן באן האבן זיך געטראפן אויף די פריי.

## קאסטנער נאכן קריג

נאכ'ן קריג איז געווען א גרויסע וועלטליכע געריכט, וואס האט זיך גערופן די "נורענבורג טרייעל". דארט האט מען פאראורטיילט פיל נאצי'ס ימ"ש צום טויט פאר זייערע גרויזאמע מעשים בשעת'ן קריג.

איין אזא רשע האט געהייסן בעכער ימ"ש. דער בעכער איז פערזענליך שולדיג געווען אין די טויט פון טויזענטער אידן רח"ל.

ווען מען האט געכאפט דעם רשע און אים געשטעלט צום געריכט, איז אנגעקומען 'עדות'.... קאסטנער האט זיך מטריח געווען צו פארן ביז נורענבורג און געקומען עדות זאגן אז בעכער ימ"ש איז גאר גוט געווען צו אידן....! ער האט פארציילט פון זיין גוט-הארציגקייט און גענאדע צום פאלק וואס ער האט גרויזאם אויסגעע'שחט'ן. קאסטנער האט זיך ניטאמאל געשעמט...

שפעטער איז קאסטנער ארויף קיין פאליסטינע, וואו ער האט פאכמאניש זיך ארויסגעשטעלט אז "דער העלד" וואס האט געראטעוועט אזויפיל מענטשן, און נישט אלץ דער רשע וואס איז שולדיג אין די פארגאסענע בלוט פון פילצאליג מער אידן רח"ל.

ווען די ציונים האבן געגרינדעט די מדינה, האבן זיי געגעבן פאר קאסטנער א חשוב'ע פאסטן. ער איז געווארן א מיניסטער פון לאנד, און גלייכצייטיג ליידער פארווישט זיין רשעות'דיגע פארגאנגענהייט.

## זיין ענדע

מלכיאל גרינוואלד איז געווען א שרייבער אינדערהיים. ער האט געהאט א כח אין זיין פעדער, וואס ער האט גענוצט פאר די מלחמה. אבער נאכ'ן קריג האט מען אים נישט געגעבן קיין פאסטן אין די נייע געגרינדעטע מדינה.

מלכיאל גרינוואלד האט אויך געוואוסט דעם אמת. ער האט געוואוסט דעם אמת'ן פנים פון דעם עוכר ישראל קאסטנער. איין טאג האט ער באשלאסן צו לאזן די וועלט וויסן דעם אמת.

ער האט אפגעדרוקט די מעשה מיט אלע פאקטן, פרטים און עדות און ער האט דאס פארשפרייט אין די רעסטוראנטן און קאפי הייזער פון שטאט.

די מעשה האט באקומען פליגלער און די רעגירונג חברה האבן געהערט דערפון. עס האט זיי זייער נישט געפאסט אז מען וועט נאך זאגן אז די מדינה האט אויפגענומען א נאצי פאר א מיניסטער, דעריבער האבן זיי באשלאסן אנצוקלאגן גרינוואלד אין געריכט פאר'ן פארברעכן פונעם אנרופן קאסטנער א נאצי מיטארבעטער.

גרינוואלד איז אנגעקלאגט געווארן, אבער ער האט נישט געהאט געלט פאר אן אדוואקאט וואס זאל אים פארטרעטן אין געריכט זאל.

נאך לאנגע זוכענישן האט ער געפונען א פרישע אדוואקאט, וואס האט מסכים געווען צו ארבעטן פאר אים. יענער האט געזוכט און געפונען אלע נויטיגע דאקומענטן וואס ברענגען ארויס קאסטנער מיט זיין פולער שמוציגער פנים.

מדינת ישראל האט עמטליך געהאט ארויסגעגעבן א געזעץ אז יעדער וואס האט קאליברירט מיט די דייטשן קומט זיך טויט שטראף. אצינד האט די גאנצע לאנד גע'רעש'ט מיט די נייעס אז איינע פון ראשי המדינה איז גאר געווען א נאצי קאליברירער.

פאר די מדינה האט זייער נישט געשמעקט די גאנצע אומנויטיגע אויפמערקזאמקייט ארום די קאסטנער פרשה. קאסטנער, פארשלעפט אין זיין תאוה צו גרויס ווערן האט זיך אליינס פארערדעט אין געריכט, רעדנדיג ווי גרויס און געשעצט ער איז געווען. בלית ברירה, האבן זיי אים דערקלערט שולדיג, אבער זיי האבן גלייך אפעלירט די געריכט.

אינצווישן די פראצעס איז קאנסער איין טאג אהיימגעקומען און פון הינטער די ביימער נעבן זיין הויז איז ארויסגעשפרינגען א פארשטעלטע יונג און אים געשאסן ניין מאל, אפאר טעג שפעטער איז קאסטנער געשטארבן פון די וואונדן. נישט האבענדיג קיין בעסערע אויסוועג, האט די מדינה געשיקט א ש"ב אגענט וואס זאל שיסן קאסטנער איידער די אורטייל קומט ארויס. זיי האבן ארויסגעלאזט א קלאנג אז די אידן האבן אים דערשאסן און הערשט דערנאך האבן זיי ווייטער געפירט די געריכט.

למעשה האבן זיי אים אפגעווישט זיינע זינד און אים דערקלערט 'אומשולדיג...'

פאר די וועלט איז אבער די נייע פאקטן שוין געווען צו קלאר אז מען זאל אים אננעמען אלץ אומשולדיג און ער איז דעריבער פארבליבן מיט זיין אייביגע פלעק אין היסטאריע.

## למעשה פאר אוגז

אינטערעסאנט איז צוצולייגן אז ווען די באקאנטער קאסטנער טראנספארט איז ענדליך אנגעקומען קיין שווייץ, האבן די מיטרייזנדע געזען פונדערווייטנס א גרויסע פארזאמלונג פון מענטשן.

אנטוישט און פארשעמט זענען זיי געווארן ווען זיי האבן געזען אז די עקסטאז ביים עולם איז נישט פאר זיי, נאר איז געריכטעט צום סאטמארע רבי'ן.

די מענטשן אויפ'ן באן, וועלכע על פי רוב געווען פרייע ציונים, דשורנעליסטן און צוקומפטיגע רעגירונג פירער, זענען געווען זיכער אז די עולם ווארט זיי אפ ווי העלדן און מען ווארט צו הערן פון זיי דעטאלן איבער די רייזע. זיי האבן אראפשפאצירט פון באן מיט גראדע רוקנס און שמייכלעך אויף זייער געזיכט. 'ענדליך... די פארדינטע כבוד...'

אבער ווי ערשטוינט, אנטוישט און פארשעמט זענען זיי געווארן ווען זיי האבן געזען אז די עקסטאז ביים עולם איז נישט פאר זיי, נאר איז געריכטעט צום סאטמארע רבי'ן... עס האט זיך געהערט מורמלערייען "דער רבי קומט..." מענטשן האבן זיך געשטופט צו זען די צורה פון דעם צדיק... דער עולם האט זיך געשטופט צו האבן די זכי' צו קישן זיין הייליגע האנט, און די אלע 'דערהויבענע' ציונים זענען געשטאנען אויסגעשפילט אין דער זייט...

די גאנצע פארזאמלונג איז געקומען צום צדיק, צו מקבל זיין דעם אור וואס האט ווייטער פארשפרייט אידישקייט. און די אויסגעשפילטע קביצה פון פשעי ישראלים זענען געשטאנען אין די זייט פארשעמט און אויסגעשפילט...

דער ראש ישיבה זאגט כסדר אז אידישקייט אין אמעריקע איז צו פארדאנקען דעם סאטמארע רבי זי"ע וואס האט נישט מותר געווען אויף א סעיף פון שולחן ערוך, און אוועקגעשטעלט אידישקייט דא אזויווי אינדערהיים מיטן גאנצן שטארקייט, ער האט זיך נישט דערשראקן און געשעמט פון קיינעם.

א שטריימל אין גאס איז אין יענע צייטן געווען ממש אומדערהערט. אבער דער רבי מיט זיין שטארקייט האט זיך נישט דערשראקן. איינמאל איז דער רבי געווען אין גאס מיט ר' יוסל אשכנזי און ר' צבי אביגדר פעקעטע ע"ה. עס איז געווען שבת און דער רבי אינאיינעם מיט ר' צבי אביגדור זענען געגאנגען אנגעטוען מיט'ן שטריימל אבער דער גבאי נישט. פלוצלינג האבן זיי געזען אפאר יוגנטליכע לאכן שטארק. האט זיך דער גבאי אנגערופן, "זיי לאכן פונעם רבי'ן מיט'ן שטריימל." האט דער רבי זיך אנגערופן מיט א שמייכל, "ניין, זיי לאכן פון דיר. זיי זעען צוויי אידן מיט א שטריימל און איינער נישט!"

מיט אט די עזות דקדושה האט דער סאטמארער רבי זי"ע צוריקגעשטעלט אידישקייט אין אמעריקע. ער האט אסאך געוויינט און געבעטן אז די פרויען זאלן זיך אפשערן די "ביי האר." דער רבי פלעגט וויינען ביי האר איז וויי האר.

מ'דארף אלץ געדענקן אז די צדיקים זענען די וואס מיינען אונזער גוט, נישט די פרייע וואס מיינען נאר זיך, זיי טוען וואס ס'קומט אויס גוט פאר זיי. אז מיר וועלן צוהערן צו די קול פון צדיקים וואס זענען דא אין יעדן דור, וועלן מיר זוכה זיין אויפצושטעלן א שיינע ערליכע דור אזויווי די צדיקים האבן געוואלט.

# היכל הקודש נייעס



## אמעריקע

## תפילות ישראל וועלן זיכער צושטערן די גזירות קעגן די אידישע חינוך

פאראגנאנגענע וואך איז אנגעקומען א שטרענגע אימעיל פון די לאקאלע סקול דיסטריקטן פאר די ישיבות און חדרים וואס האבן נישט אויסגעוועלט קיין "פעטוועי", אינעם אימעיל באקלאגן זיי זיך הלמאי מען איגנארט זיי און מען וועלט נישט אויס קיין וועג וויאזוי מען וועט פאלגן דעם געזעץ, און דעריבער וויבאלד מען האט נישט אליינס אויסגעוועלט קיין פעטוועי לייגן זיי ארויף דעם מוסד מדעת עצמם אויף "פעטוועי נומער 7".

בקיצור וואס דא גייט פאר; די ניו יארק סטעיט האט זיך לעצטנס פארלייגט אויף די מוסדות התורה און פאדערן זיי אויף מען זאל זיי אויפווייזן אז מען קומט נאך דעם געזעץ אז יעדע אפיציעלע סקול אין די סטעיט מוז זיין - נישט מער און נישט ווייניגער - אזוי ווי א פאבליק סקול(!), אויך פריוואטע און רעליגיעזע שולעס פאלן אונטער דעם געזעץ. דער פלאג גייט שוין אן אין די לעצטע יארן, דער געזעץ איז שוין אפילו געווען אין געריכט עטליכע מאל, און דערפאר האט זיך עס פארשלעפט ביז יעצט.

אויספאלגן דעם געזעץ כמו שהוא קען נישט קומען אין באטראכט. מיר זענען מחנך אונזערע קינדער אויף די וועגן פון די תורה, אויף דעם הערליכן אויסגעטרעטענעם וועג וואס מיר גייען שוין פון מעמד הר סיני, און דא אין אמעריקע איז דער וועג שטאנדהאפטיג אוועקגעשטעלט געווארן דורך די פריערדיגע צדיקים ובראשם דער הייליגער סאטמארער רבי זי"ע.

געלויבט דעם אייבערשטן אז די הייליגע ערליכע חינוך ברענגט זיסע פירות, עס קומען ארויס פון די ערליכע אידישע חדרים שיינע דורות פון ערליכע בעלי בתים יראי השם וואס לעבן מיט א ציל, זיי זענען עוסק אין ברענגען פרנסה ערליכערהייט מיט'ן ציל צו ברענגען אויף דער וועלט א פרישע דור אידן וואס לעבן מיט'ן אייבערשטן, עס קומען ארויס געטרייע אידישע צניעות'דיגע מאמעס מיט יראת שמים, וואס זענען זיך מוסר נפש פאר זייערע קינדער'ס וועגן און ברענגען זיי אויף לתורה ויראת שמים.

פון די אנדערע זייט זענען די פאבליק סקולס דורכפאלן וואס איז נישטא איר'ס גלייכן, ביי די טויערן פון יעדע פאבליק סקול שטייען באוואפנטע וועכטער צו היטן אויף די צעווילדעוועטע איגענטליכע, און זייערע ווענט זענען אנגעפילט מיט אלע מיני פארברעכערישע אקטיוויטעטן, אזוי ווייט אז א טיטשער איז נישט פארזיכערט אהיים צו קומען לעבעדיג ביינאכט, ווער ווייסט וואס אן אויפגערעגטע סטודענט וועט ברענגען אין שולע.

ווען די ליבעראלן וואלטן געהאט נאר אביסעלע שכל וואלטן זיי געמאכט א געזעץ אז די פאבליק שולעס דארפן נאכמאכן די מוסדות התורה, זיי זאלן קומען פרעגן די רבנים וויאזוי מען קען מחנך זיין קינדער זאל זיין געזונט פיזיש און גייסטיש. א אידישע מוסד זאל זיך פארגלייכן צום פאבליק סקול קומט אפילו נישט אין באטראכט!

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז אונזערע קינדער האבן נישט קיין פרייז, און אויב די רעגירונג וועט אוועקנעמען עטליכע מיליאן דאלער פון די מוסדות צוליב מען קומט נישט נאך דעם געזעץ, איז נישט עק וועלט. עס איז נישט קיין אפציע מיר זאלן פארקויפן אונזערע קינדער צו די סטעיט. אונזערע קינדער זענען נישט פאר סעיל...

מען בעט אנשי שלומינו זאלן ווייטער אינזין האבן אונזערע טייערע קינדערלעך און בעטן דעם אייבערשטן אז די השתדלות וואס פארשידענע עסקנים לייגן אריין אין פילע פראנטן זאלן מצליח זיין, און די גזירה קעגן דעם ערליכן חינוך זאל בטל ווערן.



# מַזָּל טוֹב אַלֶּע לוֹמְדִים!

## שאלה

**לכבוד די חשובע ליינער:**

**מיר ציטירן יעצט א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א – וואס איז געשריבן געווארן שנת תשע"ט ווען מ'האט דאן מסיים געווען מסכתא חולין – לכבוד דעם סיום וואס מיר אלע האבן מסיים געווען די וואך מיטוואך מסכתא בבא בתרא, און גלייך דערנאך אנגעהויבן התחלת מסכת סנהדרין.**

**ליינט און האט הנאה!**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

נֶעכְטְן נַאכְט הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ סְעוּדַת סִיּוּם אוֹיף 'מַסֶּכֶת מְנָחוֹת' בַּיי הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אִין שְׁטוּבּ; מִיר הָאבְּן שׁוֹין נֶעכְטְן מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי מַסֶּכְתָּא און גֶעמַאכְט דֶעם סִיּוּם פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הַאלְטְן מִיט דֶעם שִׁיעוּר, וַוייל הַיינְט נַאכְט קוּמְט פָאר דִי 'אֲסִיפַת הוֹרִים' פַאר דִי מַאמֶעס פוּן אוּנְזֶער סְקוּל אוּן מִיר וֶועלְן דַארְפְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער.

הַיינְט פַארְמִיטָאג וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם פָארְקוּמֶען נָאךְ אַ סִיּוּם, דָאס מָאל אִין כּוֹלֵל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פַאר דִי אִינְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען אוּן הָאבְּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי מַסֶּכְתָּא; דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט הֵייבְּן אָן זֵייעֶר טָאג מִיטְן דַף גְמָרָא, אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"ש אַיינְגֶעפִירְט אִין כּוֹלֵל אִין יַבְנְאֵל אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט אַ בְּלַאט גְמָרָא, בַּיי אוּנְז אִין כּוֹלֵל הָאבְּן מִיר אוֹיךְ אַיינְגֶעפִירְט אַז מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט גְמָרָא און נָאכְדֶעם גֵייט מֶען צוּ הֲלָכָה.



אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין יַבְנְאֵל דִי וָואךְ וואוּ אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל גֶעזֶען וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעטוּן, מוֹהֲרָא"ש הָאט אוֹיפְגֶעבּוֹיט אַ הֶערְלִיכֶע שְׁטָאט אִינְמִיטְן אַ ווִיסְטְן מִדְבָּר; עֶס וואוֹינֶען דָארְט הוּנְדֶערְטֶער מִשְׁפָּחוֹת יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים וָואס פִירְן זֵייעֶר לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה. אֵיינֶע פוּן דִי יְסוֹדוֹת וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט דָארְט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אִיז אַז יֶעדֶער אִינְגֶערְמַאן זָאל קוּמֶען אִין כּוֹלֵל, אֲפִילוּ דִי וָואס אַרְבֶּעטְן אוּן גֵייעֶן הֲפָצָה זָאלְן אוֹיךְ קוּמֶען לֶערְנֶען יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי דֶעם דַף גְמָרָא, וַוייל נָאר אַזוֹי הַאלְט זִיךְ אִידִישְׁקֵייט – אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה; תּוֹרָה אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִיד.

**גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַ גַאנְצֶע קְהִילָה וָואס לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא;** אַלֶע בָּחוּרִים, אִינְגֶעלַייט אוּן אֲפִילוּ קִינְדֶער הָאבְּן הַיינְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען 'מַסֶּכֶת מְנָחוֹת'.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת קי.): אוֹיפְן פָּסוּק (מַלְאָכִי א, יא): **"וּבְכָל מָקוֹם מֻקְטָר מֻגָּשׁ לִשְׁמִי", – אֵלּוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הָעוֹסְקִים בַּתּוֹרָה בְּכָל מָקוֹם, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶן כְּאִילוּ מַקְטִירִין וּמַגִּישִׁין לִשְׁמִי,** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז דָאס חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען בְּרֶענְגְט קָרְבָּנוֹת אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז חָשׁוּב לִימּוּד הַתּוֹרָה מֶער פוּן אַלֶע קָרְבָּנוֹת.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן מָארְגְן 'מַסֶּכֶת חוּלִין' אוּן לֶערְנֶען כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג אַ דַף; אֲפִילוּ וֶוען דוּ בִּיסְט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן דַיין מֹחַ אִיז נִישְׁט מִיט דִיר צוּלִיבּ דִי שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארֶערְכְטְן. **הַיינְט אִיז דָא צוּ בַּאקוּמֶען גְמָרוֹת מְנֻקָּד מִיט פִּינְטְלֶעךְ**, אַזוֹי אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קֶען אוֹיךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אוֹיבּ דוּ הֵייבְּסְט אָן מַסֶּכֶת חוּלִין; עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אוֹיסְצוּפִירְן וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעהֵייסְן, אַז אִיךְ זָאל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין אַלֶע תַּלְמִידִים צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַלֶע תַּלְמִידִים לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף חָק וְלֹא יַעֲבוֹר, **אִיךְ ווִיל אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זַיין אַ חֵלֶק פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע חַבוּרָה.**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס): "וֶוער עֶס הָאט טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין – דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן"; מִיר הָאבְּן שׁוֹין טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן קְלָארֶע וַויין, אוּנְז קֶען מֶען נִישְׁט פַארְקוֹיפְן קַיין 'אוֹרוֹת' מִיט 'דִמְיוֹנוֹת', מִיר קוּקְן גְלַייךְ וָואס מִיר הָאבְּן אִין דִי הַאנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): **"עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם"**, אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, **"עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים"**, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, **"וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי"**, אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיר נִישְׁט; וַוייל וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פוּס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן – וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פוּס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר – אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס וֶועט עֶר זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן, טְרַאכְטְנְדִיג: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט', אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

גרשון קרעמער



## ביטקוין גרייכט איבער $100,000

ביטקוין, די וועלט'ס גרעסטע קריפטא-וואלוטע, איז לעצטנס שטארק געוואקסן אין ווערד, און איז אריבערגעגאנגען איבער 101,000$. א יאר צוריק אין די זעלבע צייט איז א ביטקוין געווען אונטער האלב פון דעם פרייז, און אסאך מענטשן טראכטן יעצט מיט באדויער "וואו איז געווען מיין שכל? איך האב פארפאסט א גאלדענע געלעגנהייט."

א מענטש קען יעצט טראכטן "וואו איז געווען מיין שכל? פאר זעקס חדשים צוריק וואלט איך געקענט קויפן ביטקוין פאר אונטער זיבעציג טויזנט, און איך וואלט געמאכט אסאך געלט". אבער א מענטש כאפט נישט אז די זעלבע זאך ווערט זיין נאך זיין הונדערט און צוואנציג, יעדע מצוה'לע, יעדע שמייכל פאר א צווייטן ווערט זיין ווערד אן א שיעור, יעצט זעט עס אפשר אויס ביליג, וואס קאסט שוין א ציצית? וואס קאסט צו היטן שבת? אבער דעמאלטס ווערט זיך א מענטש רייסן די האר פון קאפ, פארוואס האב איך נישט אינוועסטעט אין די נצחית'דיגע פארמעגנס, יעצט וואלט איך געווען אן עושר אדיר.

אבער עס איז נישט צו שפעט, דו אטעמסט נאך, דו לעבסט, אינוועסטיר יעצט אין מצוות, אינוועסט אין דיין שלום בית, אינוועסט אין דיינע קינדער, איין טאג וועסטו צוריק קוקן מיט צופרידנהייט און זאגן מיט א פולע מויל, געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב געהאט די ריכטיגע "פיינענשל עדווייזערס" וואס האבן מיר אנגעוויזן וואו צו אינוועסטירן, און יעצט שנייד איך די פירות.

ביי ביקטקוין איז דער אמת אז די מחשבות פון חרטה זענען נישט לאגיש. יעצט ווען מיר האלטן נאך בעפאר דעם צוקונפט איז נישט מעגליך פאר א ילוד אשה צו וויסן וויאזוי דער אייבערשטער וועט פירן דעם מארקעט. פאר אונזערע אויגן איז דא די זעלבע מעגליכקייט אז ביטקוין וועט ווייטער שטייגן, און אויב איינער וועט יעצט אינוועסטן וועט ער שיין פארדינען דערפון, און פון די אנדערע זייט קען פונקט אזוי זיין אז דער יעצטיגער הויכקייט איז איבערגעטריבן און וועט שטארק פאלן, און די וואס קויפן יעצט וועלן שטארק איבערצאלן און וועלן דערלייגן שפעטער.

אנדערש איז אבער ביי תורה ומצוות וואס איז אן אינוועסטמענט אן קיין ריזיקעס. יעדע ווארט תורה, יעדע ווארט צום אייבערשטן, יעדע מצוה'לע, זאל עס זיין הכנסת אורחים, כיבוד אב ואם און אזוי ווייטער ווערט נישט פארלוירן, די מעשים טובים ווערן וואוקגעלייגט אין א זיכערע סעיף וואס קען נישט געבראכן ווערן דורך קיין גנבים. ווער רעדט נאך אויב א מענטש אינוועסטירט אין זאכן וואס וואקסן, ווי צום ביישפיל מען שמועסט מיט די ווייב, מען ענטפערט נישט צוריק, מען גייט שפאצירן, מען גיבט זיך אפ מיט די קינדער מען בויעט זיי אויף, אדער גאר א מענטש נעמט עס צום נעקסט לעוול, ער גיבט די קול ברסלב טעלעפאן נומער פאר א איד וואס לעבט אויף דערפון, ער איז מזכה א אינגערמאן מיט א קונטרס וואס ראטעוועט זיין שטוב, די זכותים וואקסן כסדר מיט יעדן טאג וואס גייט דורך, און נאך זיין הונדערט און צוואנציג וועט ער זען א רייכטום וואס ער האט נישט געקענט חלומ'ען און טראכטן.

אנשטאט דער קאפ זאל ליגן ווי קען איך קויפן נאך א הויז, ווי קען איך עפענען נאך א ביזנעס, לאמיר גיין צום הייליגן רבי'ן וואס וועט אונז קאוטשן צו עוסק זיין אין די ביזנעס וואס וועט אונז ברענגען רווחים לעד ולנצח נצחים.

**זיכערע רווחים!**






# מיליאנען ניו יארקער וועלן באקומען איינמאליגע "אינפלאציע הילף טשעקלעך"

נאכדעם וואס עס איז אריינגעקומען אסאך מער געלט אין די קאסע פון ניו יארק סטעיט רעגירונג צוליב וואס מער מענטשן האבן איינגעקויפט און געצאלט שטייערן, האט גאווערנאר האוקאל געמאלדן אז מען גייט צוריק געבן געלט פאר די בירגער פון די סטעיט. די געלט וועט מיטקומען בשעת מען פיילט די טעקס סוף יאר.

פון די פילע שאפינגס וואס מענטשן האבן איינגעקויפט פאר צענדליגע טויזנטער דאלארן וועלן זיי יעצט צוריק באקומען אפאר הונדערט דאלער, אבער פון דעם וואס א מענטש כאפט אריין די גמרא'לעך, משניות'לעך, רעדן צום אייבערשטן, א גוט ווארט פאר א צווייטן, זיין פריילך א מינוטקעלע, פאר דעם ווארט אפ פאר'ן מענטש אזעלכע ריבעיט טשעקלעך וואס עין לא ראתה, פאר דעם וועט דער מענטש זוכה זיין צו א נחלה בלי מצרים, פון וואס מען וועט שעפן תענוג לנצח נצחים.

די גאָווערנאָר האט ביים מעלדן דעם נייעס געזאָגט אז "ניו יאָרקער איינוואוינער זענען שווער באַטראָפן געווארן פון די אינפלאציע קריזיס אין די לעצטע פּאָר יאָר, דעריבער וויל איך פאַרטיילן די טשעקס פון בסך הכל 3 ביליאָן דאָלער פאַר ניו יאָרקער שטייערצאָלער."

עס איז באמת מער פון דעם ווי דער שכר וואס א מענטש קען באקומען, ווען א מענטש איז פריילך מיט די מצוות, ער פריידט זיך מיט'ן שבת, ער האט ליב תורה ומצוות, דארף ער נישט קיין ריבעיט, ער ברויך נישט קיין שכר, ער דארף שוין גארנישט, בשעת געלט קען נישט געבן פאר א מענטש צופרידנהייט.

ווען די רעגירונג וואלט געמאלדן פאר א מענטש אז ער וועט באקומען א מיליאן דאלער ריבעיט, וואלט ער געווארן זייער פריילך, ווייל ער טראכט ווען איך וועל האבן די מיליאן דאלער וועלן זיך אלע מיינע פראבלעמען ענדיגן.

אבער דאס איז לגמרי נישט אמת. מען קען נישט איינקויפן שלום בית מיט געלט, מען קען נישט קויפן געזונט מיט געלט, און מען קען נישט קויפן צופרידנקייט מיט געלט. עס איז פונקט פארקערט, יעדע דאלער וואס א מענטש האט, איז עס נאך א קאפ ווי און נאך א צרה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט לעצטנס געזאגט "ווען דיין בוילער צוברעכט זיך, דארפסטו יעצט האבן די קאפ ווי פון זיך זארגן אז דער בוילער זאל זיין צוריק געשטעלט, פארוואס דארפסטו נעמען דריי בוילערס?"

לויטן פלאַן וועלן מער פון אכט און א האלב מיליאן מענטשן אין ניו יארק באקומען די טשעקס. די וואָס האבן פארדינט אונטער 150 טויזנט דאָלער לעצטע יאָר וועלן באַקומען א טשעק פון 300 דאָלער, און משפחות וועלן באקומען א טשעק פון 500 דאלער, אויב זיי האבן פארדינט ביז 300,000 דאָלער א יאָר. וואס וועט זיכער צוניץ קומען פאר ערליכע אידן וואס לעבן מיט'ן אייבערשטן און זענען צופרידן מיט וואס עס פאסירט מיט זיי אז זיי זאלן האבן נאך עפעס אויף וואס צו דאנקען דעם אייבערשטן.

**גומל טוב לשומרי מצותיו!**

# געדאנקען

## ער האט דעם מעיאר'ס סעלפאון !

היינט איז פאר מיר א גרויסער יום טוב!

נישט אלע וויסן עס, אבער אין עולם ה'דיוועלאופערס איז דא אזא זאך אז מ'מאכט א פארטי' ווען דער צוואנציג שטאקיגער בנין ווערט פארטיג.

נו, איך בין דאך אויך א שטיקל דיוועלאופער..... ניין, איך דיוועלאופ נישט land, איך דיוועלאופ די צוויי הונדערט און פופציג פונט פלייש הנקרא משה ארי', פון א קארן-טשיפס-שרעדינג מאשין, צו א אייבערשטער-טראכטעראציע מאשין.

נישט אז איך גיי מער נישט שרעדן קיין קארן טשיפס צווישן מיינע ציינער וואס חלש'ן נאך אביסל crunchee munchee, חלילה צו טראכטן אזוינס! נישטא אפילו קיין הוה אמינא פון אויפגעבן די טעגליכע (נאכטליכע......) קארן טשיפס וועטשטערע! נאר אזויפיל אז מיר וועלן פרובירן אריינצולייגן דעם אייבערשטן אין די after-diner סעודה'ניו דורך מאכן א ערליכע ברכה.

אודאי טענה'ן די וואזשנע אידן "קויף מיר נישט אונטער דעם אייבערשטן מיט דיין ברכה, סטאפ צו עסן נאש און פארטיג!" נו, מיר וועלן איבערלאזן די וואזשנע אידן מיט די פעינעץ און קנאבל, און מיר וועלן פרעגן אונזער מורה דרך וואס לאזט דער שולחן ערוך און וואס נישט, איז דא אין שולחן ערוך א ברכה אויף קארן טשיפ? געב'זשע אהער! איז דא אין שולחן ערוך א ברכה אויף ריבלעטס? ריק אהערציר דעם טעצל! און וואס פארא ברכה מאכט מען אויף פאלאפל? שאר אהער די טחינה! און אז מ'זאגט א ערליכע המפיל טאר מען'זשע שלאפן אויף צווי קישענעס? וואס?! דריי אויך?! אוי ווי גוט צו זיין א איד!!!!

אבער וואס איז שוין דער יום טוב?!

מיין דיוועלאפמענט איז אנגעקומען צו צוואנציג!

מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט מיך דיוועלאפד פון א מענטש וואס ווייסט נישט אז מ'קען לערנען פרייטאג שבת זונטאג, צו א מענטש וואס לערנט יעדן טאג. פון א מענטש וואס טראכט נאר פון זיך, צו א מענטש וואס זאגט יעדן טאג "הייליגער באשעפער העלף איך זאל טראכטן א גאנצן טאג פון דיר".

ברוך השם אז מיין דיוועלאפמענט איז אנגעקומען צו צוואנציג! איך האב מסיים געווען צום צוואנציגסטן מאל דעם ספר "אוצר הקונטרסים - חלק א'", שוין איינמאל א דיוועלאפמענט! שוין איינמאל א יום טוב!

די ערשטע מאל וואס כ'האב מסיים געווען דעם ספר איז געווען ג' יתרו תש"ס, פינף און צוואנציג יאר צוריק, כ'האב דעמאלטס געארבעט ביי די ווין, נעבן קענט עווענין.




(ברוך השם איך שרייב אראפ על פי רוב אלע מיינע סיום'ס, ס'איז דא שיינע אינטערעסאנטע זכרונות צו דערציילן...)

די צווייטע סיום איז געווען תשס"ה ווען איך בין געגאנגען הפצה אין קראון הייטס, און ד' נשא תשס"ח האב איך עס מסיים געווען אויפ'ן וועג פון די קעמערע סטאר וואו כ'האב געארבעט אין מאנהעטן (17'טע סטריט ביי 5'טע עווענין) קיין קראון הייטס, צו גיין הפצה.

יא! פון ארבעט גלייך צו הפצה! אן אהיימגיין פריער! איך ווייס אליין נישט וויאזוי איך און מיין ווייב האבן עס באוויזן! מיט א שטוב מיט

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

פיצלעך קינדער! געענדיגט ארבעטן בערך זעקס זיבן, א שעה אויפ'ן טרעין צו קראון הייטס, הפצה, און באלד א שעה וועג אהיים אויף די B44 סיטי באס (וואס פארט ארויף בעדפארד עוועניו, פון קראון הייטס קיין וויליאמסבורג)..

און וואס שטייט שוין אין דעם ספר?!

נו, לאמיר'זשע זען!

אויב דו וועסט טון אלעס אין די וועלט צו זיין פריילעך וועסטו זיין א גרויסער עושר! (דף ש"א).

ענדערש זאלסטו עסן גראז ווי איידער צו בארגן (דף ש"ב)..

אין דעם באנד איז דא א קונטרס "בעל דמיון" וואס יעדער מענטש וואס לערנט דאס הייבט אן ארויסגיין פון אלע דמיונות, מוהרא"ש שרייבט "רעד צום אייבערשטן, און דאס וועט דיך ארויסנעמען פון אלע דמיונות" (דף רל"ד).

אין דעם באנד איז דא א קונטרס "אל תהיה רגיש", זיי נישט סענסיטיוו, מוהרא"ש שרייבט אז סענסיטיוויטי און שמחה איז צווי פארקערטע זאכן, וויפל דו וועסט דיך מאכן פריילעך, וועסטו מער נישט זיין סענסיטיוו (דף ע"ז).

**איז דא אין שולחן ערוך א ברכה אויף קארן טשיפ? געב'זשע אהער! איז דא אין שולחן ערוך א ברכה אויף ריבלעטס? ריק אהערציר דעם טעצל!**

אין דעם באנד איז דא א קונטרס "גם זה יעבור", מוהרא"ש שרייבט דארט: איך ווייס אז דו ליידסט אזוי סאך אז דו פילסט דו גייסט אראפ פון זינען, בעט איך דיר דו זאלסט חזר'ן "גם זה יעבור" און דו וועסט זען ס'וועט אלעס אריבערגיין! (דף ער"ה)

מוהרא"ש שרייבט אין קונטרס "חיים קלים" גלייב אין די צדיקים פון דעם דור, און דורך דעם וועסטו האבן א גרינגע לעבן (דף ל"ז).

מוהרא"ש הייבט אן דעם ספר מיט די ווערטער "קער זיך יעצט צוריק צום אייבערשטן, און דורכדעם וועסטו זען גרויסע נסים!" (דף ז').

א שאד אז מענטשן גייען צו עדווייזערס און טאביק-שמעקערס און בלייענע שפרעכערס וואס מאכן א לעבן פון צרות, בשעת ס'איז דא א שיינע וועג פון אמונה, א וועג פון זאגן "הייליגער באשעפער נאר דו קענסט מיר העלפן".

א שאד אז מענטשן גייען צו קאנפידענץ קאנפערענצן, בשעת מ'קען זאגן "הייליגער באשעפער איך פיל זיך ווי א דורכפאל, איך קוק זיך אן ווי א שוטה'לע, איך באטראכט זיך ווי א גולם, קיינער לאכט נישט פון מיינע וויצן, יעדער איז געלונגען נאר נישט איך, משה דאוונט פאר'ן עמוד. יענקל פארקויפט עליות. דוד פארשטייט צו טראמפ. חיים ברענגט דעלקעלעך אין די יארצייט פון די ראש השולשלת. שמעון שטייט אונטער דעם רבינ'ס בענקל ביי די ביקור גומלין. מעכל האט א שטיקל אין די אויער צו רעדן צו אלע סדרנים ווען די רבי מאכט חתונה. לייבעלע טיילט קענדיס פאר די קינדער. אהר'עלע מאכט די מי שברך'ס. שמחה'לע נעמט צאם די קידוש לבנה זאגערלעך. עזרא נעמט צאם די שלש סעודות בענטשערלעך. אברהמ'עלע מאכט די (ערשטע...) השקה אין בור אום דרייע צופרי. הערשעלע זאגט "מיט'ן רעכטן פוס" ווען דער חתן גייט צום חופה. יוסעלע האט עריק עדעם'ס פריוואטע סעל פאון נאמבער. פישעלע האט אילן מאסק'ס פריוואטע אימעיל. און וואס האב איך? גארנישט! אוי באשעפער פארוואס בין איך א לא יוצלח?! אוי באשעפער אז דו האסט געקענט באשאפן א זון מיט א לבנה קענסטו אריינבלאזן אביסל חן און חיות אין מיין אויסגעלאשענע זעל! אוי טאטעניו שמיר ארויף אביסל חן אויף מיין צוקנייטשטע פנים, אוי גאטעניו גיס אריין אביסל לחלוחית און מיין טרוקענע פארפינסטערטע מח קעמערלעך".

ווייל רעדן צום אייבערשטן איז די איינציגסטע זאך וואס קען העלפן.

## אלחנן זויבערמאן

צפת

כ'בין געזעצן אויפן פליגער און געטראכט: וואס גיי איך טוהן אויב ח"ו מיין רענצל וועט נישט אנקומען? וואס וועל איך מפיץ זיין? וואס וועל איך אנטון?.

איך בין געפארן מיט צוויי פליגער'ס איינס אין אייראפע און איינס קיין א"י, וועז מ'פארט מיט צוויי פליגער'ס מאכט זיך אסאך מאל אז רענצלעך ווערן פארלוירן.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די רענצל זאל אנקומען בשלום. שכח אייבערשטער ס'איז אנגעקומען.

## יחיאל הארואוויץ

לאנדא

דאנערשטאג דארף מען דאך רייניגן די הויז, מען רופט איינער זאל קומען רייניגן, די פראבלעם איז אז יעדן מאל האבן זיי אנדערע תירוצים נישט צו קומען.

פאריגע וואך מען האט אפגעשמועסט אז זי קומט איינס אזייגער, אבער זי איז נישט אנגעקומען, איך האב געזאגט פאר מיין ווייב אויפן טעלעפאן זי זאל געבן א פרוטה לצדקה און בעטן דעם אייבערשטן.

נאכן געבן א פרוטה לצדקה האט מיין ווייב באמערקט ביים פענסטער אז זי זיצט זיך דארט אינדרויסן און שפילט זיך מיטן טעלעפאן. מיין ווייב איז ארויס צו איר, און איר גערופן זי זאל אריינקומען קלינען און זיך אויפהערן שפילן...

אדאנק תפילה און צדקה האט מען איר באמערקט דארט זיצן.



# מעשיות פון תפילה

כולל
היכל
הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

עס איז אונז א כבוד און א פארגעניגן צו באדאנקען ידידינו היקר

# מוה"ר

# לייבי ליבערמאן

# הי"ו

**ומשפחתו החשובה**

פארן עפענען זייער שטוב און אהערשטעלן די גאר עלעגאנטע טיי אונט בעיר לעיקוואד ניו דזשערזי יצ"ו, לטובת אונזער חשוב'ע כולל היכל הקודש אין קרית ברסלב, ליבערטי ניו יארק, בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

ובזכות החזקת התורה זאל ענק דער אייבערשטער בענטשן בכל הברכות האמורות בתורה עס זאל מקויים ווערן די פסוק אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד, וימלא השם כל משאלות לבבכם לטובה. און אזוי ווי דער רבי האט צוגעזאגט "ביי וועם איך נעם געב איך"

המברכים מעומק הלב
הנהלת הכולל

# קוק אהער

## לעבסט אין א קולט!

ס'דא וואס זאגן אז די שטעטל אידן זענען קלויזמיינדעד בלע"ז - פארמאכט, זיי ווייסן נישט וואס טוט זיך אויסער "ראש ישיבה ראש ישיבה", דאס איז די איינציגסטער זאך וואס זיי ווייסן.

אמת!

"קוק אהער" - זאגט מיר איינער - "איך געדענק נאך ווען דו פלעגסט וואוינען אין לאנדאן, דעמאלט פלעגסטו שרייבן יעדע וואך, איך האב געטראפן דעם, איך האב געטראפן יענעם... דיין לעבן איז למעשה געווען קאלירפול אפילו דו ביסט געווען מקורב צו היכל הקודש.

דו ביסט טאקע שוין געווען אויך דעמאלט אינגאנצן מח געוואשן - ברעינוואשט בלע"ז, יעדע שמועס וואס איך האב נאך געוואלט האבן מיט דיר איז געווען נאכאמאל 'ראש ישיבה, היכל הקודש, ברסלב, מוהרא"ש...' עפעס אנדערש פלעגט נישט קענען גיין... אבער דאך, האסט זיך געדרייט, האסט געהערט, ס'איז געווען אנדערש.

יעדע וואך האסטו געטראפן א צווייטער וואס איז נישט מקורב און אים ארויפגעלייגט אויפן טיש, אים צונומען כאילו נאר ענק האבן עס, נאר די ברסלב'ער האבן אויסגעטראפן די "עכטע" וועג צו קענען לעבן...

וואו דו ביסט געגאנגען און וואו דו ביסט געשטאנען האסטו געטראפן אלץ איינער וואס האסט געקענט זאגן "זעסט, ווען ער איז ווען מקורב צום רבי'ן וואלט ער דאך געווען אזוי נארמאל, אזוי געשמאק און אזוי זויבער".

למעשה זייט דו וואוינסט דארט אין דיין שטעטל, פארשטופט און פארמאכט פון די וועלט, זעסטו נישט קיינעם, דו טרעפסט נישט מער קיינעם, אלע דיינע באשרייבונגען זענען נאכאמאל 'ראש ישיבה אהין, ראש ישיבה אהער', מ'קען שוין אפילו מיט דיר נישט רעדן, די וועלט עקזעסטירט מער נישט ביי דיר".

יא, איך שאקל מיט מיטן קאפ, יעדעסווארט איז אמת! ער זאגט ריכטיג!

למעשה היינט איז אנדערש ווייל וואו מיינסטו איך האב אים געטראפן? אין שטעטל? אך, ער קומט נישט אין שטעטל, ער האט מורא אז ער גייט ווערן פארכאפט ביי די ברסלב'ע, נאר דאס פעלט אים אויס...

איך האב זיך ארויסגעלאזט פון מיין קעניגרייך אויף באדיטשוב גאס און געגאנגען אביסל זיך אומקוקן אויפן המון עם אזוי ווי די פארצייטישע פריצים פלעגן טון...

צו לאנג האב איך זיך נישט געדארפט דרייען צו טרעפן עפעס גוטע סחורה וואס זאל מיר דערמאנען נאכאמאל מאין באת ולאן אתה הולך - פון וואו איך קום און וואו וויל איך אנקומען, שכח אייבערשטער אז איך בין מקורב צו א צדיק!

איך וואלט ווען געשריבן זיין נאמען דא בשם ומלכות אבער מפני דרכי שלום וועל איך זיך איינהאלטן, איז לאמיר אים טאקע אנרופן "שלום".

שלום איז א מגיד שיעור - איינגעשטעלט אין א ישיבה. ער איז א העווי ידען וואס איז גוט אויסגעקאכט אין אלע נייעס און פאליטיק. ווען איך טרעף זיך מיט אים קענען מיר זיצן שעות אויף שעות און דורכגיין יעדע צד פון יעדע נייעס וואס איז געווען.

יעצט אויף מיין באזוך אביסל אינדרויסן פון מיין גן עדן - שטעטל, האב איך זיך טאקע אנגעטראפן מיט מיין אלטער גוטער פריינט שלום!

אבער שלום האט מיך נישט געגעבן קיין איזי טיים, ער האט מיר זייער קלאר געמאכט וואס ער האט צוזאגן "כ'ווייס דו גייסט לאכן פון מיר" זאגט מיר שלום "אבער איך גיי דיר עס סיי ווי זאגן, ענק זענען אין א קולט!"

"דו ווייסט גארנישט פון די פרשה און פון יענע פרשה? דו ווייסט וואס פרעזידענטביידען האט געטון און וואס טראמפ האט געזאגט?"

"ניין"

# דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



"דו זעסט, דאס איז א קולט! מ'קען נישט לעבן פארמאכט פון די וועלט, אפגעזונדערט פון יעדן. קען זיין אז יעצט ביזטו אן אויבער חכם, דו מיינסט דו ביסט זיס, אבער דאס איז נישט קיין נארמאלע וועג פון לעבן"

וואס זאל איך טון? זאל איך אים אנהייבן מסביר זיין ווי גליקליך איך בין? זאל איך מיך טענה'ען מיט אים אז נאר אזוי קען מען לעבן?

דאס הייסט א לעבן? נישט זיין אינדערהיים ווי גרויס די יאר איז? ארויסלויפן טאג און נאכט מיט חברים? קאכן און קאכן מיט שטותים והבלים? לעבן א געפאפטע לעבן פאר יענעם?

יענער קוקט אויף דיר וואס הייסט נארמאל און דו קוקסט צוריק אויף אים וואס הייסט נארמאל און עטץ געבטס ענק ביידע אן השגחה שטעמפל איינע דעם אנדערן 'מיר זענען פון די נארמאלע מענטשן!' נאר אויב מ'איז א חלק פון חבורת ה'נארמאלע מענטשן קען מען אנגיין מיטן לעבן, אויב נישט... כווייס נישט אויב נישט, מ'מוז זיין נארמאל און פערטיג!

שוין, איך גיי מיר נישט גיין טענה'ען, ווייל דער ראש ישיבה לערנט אונז נישט צו טענה'ען מיט קיינעם (יא, ראש ישיבה, ראש ישיבה) זאל איך אים מסביר זיין? ער וויל דאך נישט הערן, ער וויל נאר זיין גערעכט און בלייבן נארמאל

ענטפער איך אים ווי אן אויבער חכם דער תירוץ וואס דער ראש ישיבה זאגט אז מ'זאל ענטפערן 212-444-9191- קלינג דעם נומער, דארט וועלן אלע קשיות דיר פארענטפערט ווערן!

"יא איך האב טאקע געליינט לעצטע וואך וואס דו האסט געשריבן אינעם בלעטל, דו רייסט אראפ די גאנצע עולם ה'טערעפי, נאכאמאל, איך בין אויך קעגן טערעפי, אבער ס'איז דא מהלכים וואס קענען העלפן, וואס רייסטו סתם אראפ?

דו ווייסט אז רעבעצין... האט א פראגראם, ס'האט הסכמות פון רבנים, מענטשן ווערן געהאלפן! נאכאמאל דו ווייסט דאך אויך אז ס'איז דא מענטשן וואס פארשטייען צו א נפש..

פארוואס מוזטו יעדן אראפרייסן? ס'איז נישט דא קיינער וואס האט שלום בית אויסער דיר? דו מאכסט אוועק געלערנטע מענטשן וואס האבן א מתנה אז זיי קענען פארשטיין צו די נקודה פון א מענטש אין אים העלפן, וואס מאכסטו סתם חוזק?"

שוין וואס זאל איך אים ענטפערן? זאל איך אים זאגן אז זאגן משניות איז די איינציגסטע וועג אז א מענטש זאל זיך קענען היילן די נערוון? זאל איך אים זאגן אז קיינער פארשטייט נישט צו תורת הנפש מיט אלע אנדערע טערמינען וואס מטפלים קלעבן זיך אן? און וואס, נאכדעם וועט ער לאכן פון מיר?

ניין! איך זאג אים נאכאמאל 212-444-9191 קלינג אריין וועסטו הערן א תירוץ אויף אלע דיינע קשיות, ספיקות און טענות

"אקעי'....דו ווילסט מיר טאקע איינרעדן אז אלעס ביי דיר איז אזוי פערפעקט?! ממש דו האסט נישט קיין סטראגלס? דו מוטשעסט זיך נישט קיינמאל? פלעין יעדע זאך איז נאכאמאל אייבערשטער אייבערשטער און מ'איז פרייליך? נע איך קויף עס נישט אפ!

זאג מיר וויפיל צאלט מען דיר דארט אין ברסלב אז דו זאלסט זיך מאכן פרייליך און יעדן אויסשטעכן די אויגן כאילו נאר ענק האבן עס נאר ענק האבן א וועג צו לעבן, הע?"

איך שאקל מיטן קאפ איך קען נאר צושטימען, יא ביי אונז האט מען עס! "איך פארשטיי נישט די גאנצע אויפרעגעניש, אדרבה - פרוביר איך מיין מזל נאכאמאל

- הייב אויף א טעלעפאן -212-444 9191 און טעמו וראו כי טוב, איבערצייגן דיך אליין, די זיסקייט פון זיין מקושר צו א צדיק, די לעכטיגע לעבן פון לעבן מיטן אייבערשטן!

אפשר טאקע? דו זאגסט קלינג די האטליין די גאנצע צייט, אנהייב האב איך געמיינט ס'איז א וויץ, אבער יעצט טראכט איך שוין אפשר טאקע, לאמיר זעהן אויב ס'איז טאקע אזוי...

אינמיטן דעם שמועס האט זיך אנגערוקט אונזער חבר משה, משה איז דער טיפער פארשטענדליכער געלונגענער עלטערער בר דעת, וואס איז שטענדיג דורכגעטראכט, שלום טראסט זיין דעה, שלום פרעגט אים "מיין פארשטענדליכער חבר משה זאגשע מיר, מעג איך אויסהערן דעם ברסלב'ן האטליין?".

אההה משה ענטפערט זייער קלוג: "נעם א צעטיל און שרייב אראפ ווער דו ביסט וואו דו באלאנגסט און וואס זענען דיינע שאיפות אין לעבן. אזוי וועסטו זיך קענען האלטן און נישט ווערן אין ערגעץ פארכאפט".

"אזא גוטע עצה" האב איך צוגעשטימט. "זאגשע טאקע מיין טייערער חבר שלום ווער ביסטו?"

"אממממ איך ווייס נישט"..

"וואו באלאנגסטו?"

"אמממם, נאכאמאל מיין טאטע דרייט זיך דארט, אבער איך האב עכט גארנישט מיט זיי, איך ווייס נישט אויב איך באלאנג ערגעץ..."

"אהא, און וואס זענען טאקע דיינע שאיפות אין לעבן, דאס מוז מען אראפשרייבן אויפן צעטל פארן אויסהערן דעם האטליין..."

## משה דער פארשטענדליכער רופט מיר אין א זייט און מיט זיין פארשטענדליכע שכל פרעגט ער מיר "זאג, חוץ פון דיר איז טאקע נישט דא קיינער וואס לעבט א חיים טובים?"

"אממממ מיינע שאיפות, כ'מיין כ'האב קיינמאל נישט עכט געטראכט וועגן דעם, אבער יעצט אז דו ברענגסט עס אויף, איך ווייס נישט אויב איך האב שאיפות, איך מיין אז איך האב נישט קיין שאיפות".

"אזוי?! דאן קלינגט דעם נומער עמערדשענסי! 212-444-9191".

משה דער פארשטענדליכער רופט מיר אין א זייט און מיט זיין פארשטענדליכע שכל פרעגט ער מיר "זאג, חוץ פון דיר איז טאקע נישט דא קיינער וואס לעבט א חיים טובים?"

"ניייין" ענטפער איך אים!

ס'איז דא נאך משפחות אין קרית ברסלב אויסער מיר, איך בין נישט דער איינציגסטער!

איך פאק פעק, איך פלי צוריק צו מיין שטעטעלע ווי מיין מח ווערט נישט געשוועכט פון אלע שטותים פון די וועלט, פון אלע היימישע נארמאלע ניבול פה וואס איז שוין ליידער נארמאליזירט געווארן.

איך אנטלויף פון דארפן זיין פארנומען וואס די שכנטע האט היינט מחליט געווען אז ס'איז נארמאל, און יעדער טוט אזוי..

רוף מיר 'קולט' רוף מיר 'מח געשוועכט', איך אנטלויף צוריק צו מיין ווינקל ווי דער בעל הבית איז דער אייבערשטער, ווי מיין אין שטוב איז פריאריטעט, און ווי איך וועל טאקע לכאורה נישט וויסן די סוף מעשה (מיט די אנפאנג) פון יעדע פאליטיק און לשון הרע!

שכח אייבערשטער אז מיר האבן א צדיק וואס געבט אונז א קלארע מח צו לעבן, מיר האבן א צדיק וואס לערנט אונז וואס איז וויכטיג און וואס נישט..

שכח אייבערשטער פאר נאך א טאג וואס איך קען מיך גוט גוט אויסלאכן פון די וועלט!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

TOO MUCH FORMULA
**can be a blessing**

info@e-creategroup.com

BACK IN STOCK!




**Sell your formula to us**

EARN $$$ WHILE GETTING RID OF YOUR EXCESS FORMULA. IT'S A WIN-WIN!

LOOKING TO BUY OR EXCHANGE?
GET IN TOUCH TO LEARN ABOUT OUR EXCLUSIVE DEALS. DIAPERS ALSO AVAILABLE

FORMULA Trade | 347-369-4886 FORMULATRADEUSA@GMAIL.COM

*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס

## JOB OPPORTUNITY

Your time, your effort, your profit!
Unlimited potential!
First come, first serve!
Call 845.806.1244

## Attention ladies

Create a successful business in the comfort of your home.
Full training.
No computer necessary.
Call 929-275-5337

## גרייט אייך צו חנוכה

מיר נעמען אן צו רייניגן אייער מנורה פאר חנוכה, ווי אויך אלע אייערע זילבער.
ביטע רופט 347-885-4205

## לעיבלס

מיר פרינטן לעיבלס לויט אייער געשמאק
ביטע רופט
917-657-4669

## Hair and Wigs By Chany

We set your wig for $29.99. Washand Set for $45
Wig cut for $85.
Ask us about haircuts and hairstyles for special occasions
Call today 347-768-4012

אמאליגע צייטן איז מען געלאפן טעגליך צום דאקטער פאר א פלו טעסט
היינט-צו-טאגס קומט דער דאקטער'ס אפיס אראפ צו אייער היים און אפיס.

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030
Sunday 12-8 | Mon-thursday. 3-10

די דאקטערס אפיס ביי דיך אינדערהיים

**אמאליגע צייטן פלעגט מען גיין צום דאקטער.**


מגבית
לטובת
מוסדות
רבי מאיר
בעל הנס
סעודת
הילולא
של מורינו
רבי נתן
זצוק"ל
ליל שישי עשרה בטבת // מאנסי // פרטים יבואו
*sruliHeskel


והחוט המשולש לא במהרה ינתק
די גאלדענע קייט
וועט זיך ווייטער ציען
מגבית מוסדות
רבי מאיר בעל הנס
סעודת הילולא
רבי נתן זי"ע
מוסדות
היכל הקודש
באר הקודש
אלקא דמאיר ענני
נוסדה בטבת שנת תשס"ה לפ"ק



# א מעשה פון א צדיק

## עֲשִׁירוּת בִּזְכוּת תְּפִלָּה
### חֵלֶק ב'

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימֶער חָסִיד וָואס פְלֶעגְט זֵייעֶר גֶעוָואָרְנְט זַיי מִיטְן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער האט גֶעזָאגְט פַאר אֵלִיָהוּ הַנָבִיא עֶר זָאל גֵיין אוּן אִים גֶעבְּן פִיר גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, פוּן וָואס עֶר אִיז לְמַעֲשֶׂה גֶעוָוארְן זֵייעֶר רַייךְ דֶערְפוּן. אָבֶּער אַז וִוי נָאר עֶר אִיז גֶעוָוארְן רַייךְ הָאט עֶר לֵיידֶער אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב.

אֵלִיָהוּ הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זַיין בֶּערְזְל דִי פִיר מַטְבֵּעוֹת.

**לֵיינְט וַוייטֶער וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט.**



וִוי נָאר אֵלִיָהוּ הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זַיין בֶּערְזְל דִי פִיר מַטְבֵּעוֹת, הָאט פְּלוּצְלִינְג זַיינֶע שִׁיפְן זִיךְ גֶענוּמֶען זִינְקְן אִין יַם, דִי קְנֶעכְט אוּן דִינְסְטְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן קְרַאנְק אוּן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן. זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיךְ אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן אָרִימַאן אוּן גֶעבְּלִיבְּן מִיט גָארְנִישְׁט.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט זַיינֶע נְכָסִים צוּ מַאכְן אַבִּיסְל גֶעלְט, אָבֶּער עֶר הָאט אַלֶעס פַארְלוֹירְן אוּן גֶעבְּלִיבְּן אָן קַיין פַארְמֶעגְן. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּ דִי מִיסְט צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס עֶסְן אוּן טְרִינְקְן.

וִוי נָאר עֶר אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן אַן עָנִי, צֶעבְּרָאכְן אוּן אָנְגֶעפוּלְט מִיט יְסוּרִים אוּן צַעַר, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ וֶוענְדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, עֶר הָאט זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, רַאטֶעוֶועט מִיר".

וִויבַּאלְד דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזֶען אַז דֶער חָסִיד טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן קוּמְט צוּרִיק אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "דֶער חָסִיד אִיז מִיר זֵייעֶר טֵייעֶר אוּן בַּאלִיבְּט, אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּקוּקְן זַיין צַעַר אוּן וֵוייטָאג". עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵלִיָהוּ הַנָבִיא: "גֵיי בָּארְג אִים צֶען מַטְבֵּעוֹת אוּן מַאךְ אִים שְׁוֶוערְן אִין מַיין נָאמֶען אַז עֶר וֶועט נִישְׁט פַארְפֶעלְן קַיין אֵיין טָאג פוּן קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת".

גְלַייךְ אִיז אֵלִיָהוּ הַנָבִיא גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אִיד, עֶר הָאט אִים גֶעטְרָאפְן דַאוֶוענֶען, הָאט עֶר צוּגֶעוַוארְט בִּיז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט, אוּן אִים גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם. עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי צֶען מַטְבֵּעוֹת אוּן אִים בַּאשְׁוואוירְן.

פִּירְט מוֹהֲרָא"ש אוֹיס: זֶעט מֶען פוּן דָא אַז וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, דָאךְ קוּמְט עֶר יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען, עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס עֶס בַּאדֶערְט אִים גִיסְט עֶר זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הֶעלְפְט אִים אוֹיף עֶס זָאל אִים גוּט גֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶעם וֶועלְט.

(שיחות מוהרא"ש חלק י"ג ערך תפילה)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

צ"ט

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

ראֹשׁ הַשָּׁנָה תקס"ג איז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף ראֹשׁ הַשָּׁנָה און יוֹם כִּיפּוּר, און דַאן פָארְט עֶר אַהֵיים.
יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, עֶר הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַ מִנְיָן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, און זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט אִינְאֵיינֶעם אִין דִי סוּכָּה פוּן זַיין טַאטֶע, און עֶר הָאט אוֹיךְ אַהִינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי סֵפֶר תּוֹרָה פוּן זַיין טַאטֶע.

גַאנְץ יוֹם טוֹב סוּכּוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן פִילֶע אִידְן, צְוִוישְׁן זֵיי אוֹיךְ ר' יוּדְל און ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר מְקוּשָּׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז נָאר גֶעגַאנְגֶען זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ מִיטְגֶעגַאנְגֶען, צוּלִיבּ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְקַשְּׁרוּת און לִיבְּשַׁאפְט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט צוּם רֶבִּי'ן.

זוּנְטָאג, הוֹשַׁעְנָא רַבָּא, הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיטְ'ן עוֹלָם, און אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט, "וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דִי צְוֵויי רוֹצְחִים שְׁטֵייעֶן אוֹיף מִיר און זָאגְן אַז אִיךְ בִּין יָא אַ גוּטֶער אִיד", און עֶר הָאט גֶעוִויזְן מִיט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף ר' יוּדְל און אוֹיף ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק, וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "דִי צְוֵויי רוֹצְחִים". עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ טַייטְלֶען אוֹיף זֵיי, וַוייל זֵיי זֶענֶען אִים שְׁטֶענְדִיג נָאכְגֶעגַאנְגֶען.

וֶוער קֶען דֶען פַארְשְׁטֵיין דִי סוֹדוֹת און כַּוָּונוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל דִי צְוֵויי, ר' יוּדְל און ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק, זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר טֵייעֶר און חָשׁוּב בַּיי אִים, און זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

מָאנְטָאג, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת, הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט ר' יוּדְל און ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק אִיבֶּער טַאנְצְן און קְלַאטְשְׁן, און אִיבֶּער דֶעם וָואס מְ'דְרֵייְדְט זִיךְ אִיבֶּער אִינְמִיטְן טַאנְצְן, אַז דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן (שְׁמוֹת י"ט, ג') "וּמֹשֶׁה עָלָה", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, און דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט (שָׁם שָׁם, כ') "וַיֵּרֶד ה' עַל הַר סִינַי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיפְ'ן בַּארְג סִינַי, אַז דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיבְן און דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע זֶענֶען אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוּנְטְן.

עֶר הָאט זֵיי עֶרְקְלֶערְט וָואס עֶס לִיגְט אַלְץ אוּנְטֶער דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מְ'טוּט בַּיי אַ חֲתוּנָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דָאס זָאגְן בַּדְחָנוּת, דָאס וָואס מְ'דֶעקְט צוּ דִי כַּלָּה מִיט אַ דֶעק-טוּךְ, דָאס וָואס מְ'וַוארְפְט אוֹיפְ'ן חָתָן אוֹפִין, און דֶער מִנְהָג צוּ גֶעבְּן שַׁבָּת גֶעלְט, און אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר אוֹיסְגֶערֶעכְנְט בַּאֲרִיכוּת דִי סוֹדוֹת וָואס לִיגְט אִין אַלֶע עִנְיָנִים וָואס מְ'טוּט בַּיי חֲתוּנוֹת.

דָאס רוֹב אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן, און דָאס בִּיסְל וָואס ר' יוּדְל הָאט גֶעדֶענְקְט הָאט עֶר שְׁפֶּעטֶער אִיבֶּערְגֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, וָואס הָאט עֶס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גֶעדְרוּקְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ"ו, עַיֵּין שָׁם.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם פוּן שְׁטָאטִישֶׁע אִידְן, וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִינְגֶענְדִיג און טַאנְצֶענְדִיג, וִוי דֶער סֵדֶר אִיז אוּם שְׁמִינִי עֲצֶרֶת. דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעזָאגְט פַאר ר' יוּדְל און ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק, "גֵייט אַוֶועק פוּן דָא, וַוייל יֶעצְט דַארְף אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַייךְ", און זֵיי זֶענֶען טַאקֶע אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

דֶערְנָאךְ אִיז גֶעוָוארְן דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מִיט אַ גְרוֹיס גֶעטוּמְל פוּן זִינְגֶען און טַאנְצְן. דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט דַאן גֶעטַאנְצְן זֵייעֶר אַסַאךְ, פוּן פַאר נַאכְט, בִּיז עֶטְלִיכֶע שָׁעָה אַרַיין אִין דִי נַאכְט פוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה.

דִינְסְטָאג, שִׂמְחַת תּוֹרָה, זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיי רֶבִּי נָתָן, זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן בְּשִׂמְחַת הַתּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן דִי תּוֹרָה און דִי זְמִירוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּי'ן, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרַאפֶּעט אוֹיף דִי וֶוענְט פוּן גְרוֹיס דְבֵיקוּת און בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט?**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

בס"ד

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תרומה, שובבי"ם, ד' אדר א', שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר, מאנסי

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מעשר געלט געבט מען פאר צדקה, נישטא אזא זאך נעמען מעשר פאר זיך; אז מען נעמט מעשר געלט פאר זיך - פארלירט מען פון די שפע.

אינטערעסאנט, דאס איז די ערשטע זאך וואס מען וויל שניידן; ווען מען שפירט א צמצום, טראכט מען די ערשטע זאך מען גייט שניידן פון די צדקה, מען גייט אויסארבעטן צו נעמען די מעשר פאר דאס און פאר יענץ... אז מען איז מצומצם אין די פרנסה - דארף מען די ערשטע זאך תשובה טון, קומען אין שול דאווענען דריי מאל א טאג מיט מנין, און זיך פירן מיט דרך ארץ ביים דאווענען, נישט רעדן מיט קיינעם ביים דאווענען, נישט נוצן דעם טעלעפאן ביים דאווענען.

אז דו קענסט זיך נישט דעקן - זאלסטו נישט אויפהערן געבן צדקה; געב דיין מעשר פאר צדקה, און א ברסלב'ער חסיד מיט שכל געבט זיין מעשר פאר אייביגע צדקות, פאר דרוקן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים, פארשפרייטן די זיסע ליכטיגקייט פאר די וועלט. אז מען מאכט זיך א חשבון, ווי אזוי וואלטן מיר אויסגעקוקט אנעם רבי'ן און ווי אזוי זענען מיר מקורב געווארן, נאר דורך די הייליגע ספרים; דארפן מיר מקרב זיין די גאנצע וועלט צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## יְשׁוּעוֹת אשר בנחל

מו"ה מרדכי גפן הי"ו פון מאנסי פארציילט, אז ער האט געזוכט א דזשאב צו קענען שפייזן זיין פאמיליע, אבער אין די זעלבע צייט האט ער געוואוסט אז דער דזשאב דארף האבן פארשידענע זאכן וואס זענען וויכטיג ביי אים, עס דארף זיין צוגעפאסט און געאייגנט פאר אים, ער פארציילט אז ער האט נישט געקענט פועל'ן ביי זיך צו נאכלאזן פון די זאכן וואס ער האט געשפירט אז ער מוז עס האבן כדי ער זאל מסכים זיין אנצונעמען דעם פאסטן.

ער האט מתפלל געווען אז דער אויבערשטער זאל אים העלפן ער זאל טרעפן דאס וואס ער זוכט, און אזוי אויך האט ער באשלאסן זיך צו באנוצן מיטן אויסגעפרואווטן סגולה וואס מוהרא"ש שרייבט אין פילע בריוון "איך זאג צו אז ווער עס וועט העלפן דרוקן מיין ספר אשר בנחל וועט זען א זיכערע ישועה," ר' מרדכי האט אריינגערופן אין קרן הדפסה, און איבערגעגעבן זיין $500 נדבה צו העלפן דרוקן דעם הייליגן ספר אשר בנחל.

ר' מרדכי דערציילט: גלייך דערנאך איז אונטערגעקומען א דזשאב פארשלאג, אבער צו מיין גרויס אנטוישונג האט עס בכלל נישט געשמייכלט צו מיר, עס האט נישט געהאט קיין שום קוואליפיקאציע וואס זאל מיר מאכן שפירן אז דאס איז דאס וואס איך האב געזוכט, ער האט זיך שואל עצה געווען מיט'ן ראש ישיבה און אים געפרעגט וואס צו טון, דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט "נעם דעם דזשאב אזוי ווי עס איז, און דער אויבערשטער וועט העלפן."

עס איז דורך נאר א קורצע צייט פון דעמאלטס און זאכן האבן זיך צוביסלעך ארויסגעשטעלט אנדערש ווי עס איז געווען פון אנפאנג, און יעצט בין איך זייער צופרידן מיט מיין דזשאב, איך שפיר אז איך קען לערנען, איך קען דאווענען, און אלעס שטימט מיט וואס איך האב געוואלט, צום ביישפיל איך פלעג דארפן פארן פינף הונדערט מייל א וואך צו די ארבעט, און יעצט האט מען אנגעהויבן ארבעטן אין מאנסי, און יעצט רעדט מען שוין גאר אפילו פון אריבערברענגען די גאנצע דעפארטמענט קיין מאנסי, אזוי אויך מיין ארבעט וואס איך טו פאר די פירמע האט זיך געטוישט צום בעסערונג, און אפילו די געהאלט איז געווארן בעסער, מיין גאנצע קוואליטי אף לייף איז געווארן אסאך בעסער געלויבט דעם אויבערשטן.

**כאפט אריין ישועות און רפואות, רופט אן דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449, און זייט מנדב פאר אשר בנחל, און זייט זוכה צו געניסן פון די "הבטחה" וואס מוהרא"ש זי"ע האט צוגעזאגט, אז ווער עס וועט מנדב זיין פאר אשר בנחל וועט זען זיכערע ישועות.**

**צו איבערלאזן אייער פערזענליכע ישועה פון אשר בנחל רופט: 347-578-4449**

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

**קאלל, טעקסט: 718.387.2691** | **email: subscribe@kerenhadfusa.org**

# נייעס פון קרן הדפסה

## עגלישע קונטרסים ווערן איבערגעדרוקט

קרן הדפסה, דער קרוין פון די קהילה ומוסדות היכל הקודש, שפארט נישט קיין כח און מיה צו ערפילן איר ציל, און מיט פיל תפלה צום אייבערשטן און סייעתא דשמיא איז עס אויסגעוואקסן א ריזיגע אימפעריע וואס דרוקט און פארשפרייט אויף פילע פארמען און פארמאטן דעם דבר ה', וואס ווערט דערנאך צושפרייט ביי כלל ישראל דורך די טייערע מפיצים, וואס ווערן אויפגענומען דורך אלע שיכטן און קרייזן מיט גרויס שמחה.

מען גייט כסדר דורך די אינווענטארי, און מען זעט וועלכע קונטרסים זענען שוין דא ווייניג און מען דרוקט איבער, אזוי אויך שטייט מען אויף די וואך אז דער דרוק זאל זיין ווי מען רופט עס "אפ טו דעיט", עס זאל נישט אויסזען אלט און נעבעכדיג, כדי עס זאל רעדן צום היינטיגן דור. דערפאר דארף מען כסדר אויפפרישן דעם דרוק און די דעקלעך עס זאל זיין צוגעפאסט צו די היינטיגע וועג וואס מען קען מאכן הערליכע שיינע גרעפיקס און קענען קאמפיטן מיט די אויסגאבעס וואס דער סמ"ך מ"ם פארשפרייט.

די וואך האט מען איבערגעדרוקט דעם באקאנטן ענגלישן קונטרס That's Me, וואס איז געשריבן געווארן דורך הר"ר משה זאב שווארטץ ע"ה אלץ א תרגום פון מוהרא"ש'ס קונטרס אויף לשון הקודש "זה אני". ווער עס האט נאר אמאל גענומען דעם קונטרס אויף ענגליש אדער לשון הקודש אין די האנט, קען עדות זאגן איבער דער גרויסער רושם וואס דער קונטרס האט געמאכט אויף אים, דער קונטרס געבט אריין א זעלבסט זיכערקייט אין א מענטש ער זאל וויסן זיין חשיבות, און ער איז גוט דווקא ווען ער איז זיך אליינס אזוי ווי דער אויבערשטער האט אים באשאפן, און דער גרעסטער שטער פאר די הצלחה פון א מענטש איז אז ער איז מקנא א צווייטן, ער קוקט אויף אים און טראכט "הלוואי קען איך זיין ווי אים".

אזוי אויך גייט אן די ארבעט אויף די כסדר'דיגע פרישע ספרים גליונות און קונטרסים וואס קומען ארויס יעדן טאג און יעדע וואך, צום ביישפיל דער ענגלישער קונטרס "The Light Of Emunah" וואס איז מתורגם פון די קונטרסים עצתו אמונה, וואס קומט ארויס יעדע עטליכע וואך א פרישער קונטרס, איז אנגעקומען אין די טעג צום נומער 40. דאס זענען הונדערטער בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א געשריבן פאר די היינטיגע שווערקייטן וואס מענטשן גייען דורך און טוט זיי מחזק זיין און געבט עצות וואס צדיקים האבן אונז איבערגעלאזט וויאזוי ארויסצוקריכן.

# בילדער פון קרן הדפסה



באשטעלט פרישע ניגונים יו עס ביס פאר הפצה



פארן סטעיפלן...



ענגלישע קונטרסים פאר סטאק

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **העניך אינדיג**<br>קרית ברסלב | **אשר לעמיל זוסמאן**<br>קרית ברסלב | **יוסף פארטוגאל**<br>וויליאמסבורג |
| **אפרים פעלדמאן**<br>בארא פארק | **יצחק יונה זאבעל**<br>קרית יואל | **אברהם חיים קלאגסברוין**<br>לעיקוואד |
| **ישראל דוד העסקעל**<br>קרית ברסלב | **אשר לעווי**<br>דזשערסי סיטי | **מרדכי ראזענפעלד**<br>וויליאמסבורג |
| **הערשל זאבעל**<br>מאנסי | **שמשון הערש טייטלבוים**<br>קרית ברסלב | **שלום שענקער**<br>סטעטן איילענד |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email:donate@kerenhadfusa.org

Message: 347.578.4449




# LOOK! WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

Open all year round for all your optical needs

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008



פאר די ברסלב'ע שטוב

# סאוער דוי פון הימל

הער א מעשה:
אוועק די גאל
שטיינער אטאקע

אויפן וועג אהיים:
יעדער זעהט!
Up to date!

א מעשה
אויף למעשה:
וואס זאגט די מומע?

רעסעפי
לכבוד חנוכה:
Donuts

# מחשבה

ש. טראכטער



## סאוער דוי פון הימל

יעדעס יאר פרשת וישב פלעגט מיין טאטע אונז אראפלייגן די מעשה פון יוסף הצדיק גייענדיג קיין מצרים. ער פלעגט זיך אפשטעלן ביי די רש"י וואו רש"י הקדוש ברענגט אראפ אז די ישמעאלים וועלכע פלעגן געווענליך טראגן נאפט (גאזאלין) וואס געבט ארויס א שווערע גערוך, האבן יעצט, טראגענדיג יוסף קיין מצרים, געטראגן בשמים מיט זיך, כדי דער וועג פאר יוסף זאל זיין אנגענעם.

מיין טאטע פלעגט אונז אלעמאל פרעגן "יוסף א יונג קינד, פארשלעפט פון זיין טאטע, פארקויפט דורך זיינע ברודער, גייט א וועג אליינס, ווייסט נישט וואס דער צוקונפט וועט ברענגען... בשמים? דאס איז וואס ער דארף?

...

איין טאג קומט אהיים דער קליינער משה'לע און רעדט זיך אפ אז די קאפ טוט אים זייער וויי. נו, מאכט זיך. אבער ווען עס איז אריבער א טאג און א וואך און א חודש, זענען די עלטערן געווארן באזארגט און מען איז געגאנגען צום דאקטער.

צו זייער שאק און ווייטאג האט דער דאקטער אנדעקט אז דאס קליין קינד ליידט פון א מחלה אין מח און מען וועט דאס דארפן אפערירן.

פארשטייט זיך אז דאס קליין קינד איז דערשראקן, פארלוירן און ווייסט נישט וואס צו טראכטן.

אבער זיין טאטע באַרואיגט אים אז זאל זיין וואס זאל זיין, וועט אים דער טאטע איבעראל באגלייטן. דאס קינד באַרואיגט זיך. אז דער טאטע איז דא איז אים שוין גוט.

מען האט אפגעמאכט א טאג פאר די גרויסע אפעראציע. וואס א טאג נענטער ווערט דאס קינד מער אנגעצויגן אבער ער באַרואיגט זיך כסדר אז דער טאטע איז דא מיט אים.

די טעג רוקן זיך און מען דארף שוין אריינגיין אין שפיטאל פאר פרי-אפ. דאס הייסט אז אפאר טעג פאר די אפעראציע גייט מען שוין אין שפיטאל און מען נעמט בלוט, צו מאכן זיכער אז דער פאציענט איז גענוג שטארק אריבערצוגיין די אפעראציע.

משה'לע איז דערשראקן, אבער דער טאטע שטייט נעבן אים און לאזט נישט אפ זיין האנט. "איך בין מיט דיר." זאגט אים דער טאטע איבער און איבער.

דאן איז געקומען די טאג פון די גרויסע אפעראציע. דער טאטע באגלייט אריין משה'לע ביז צום אפעראציע צימער. משה'לע לייגט זיך רואיג אראפ. זיין טאטע איז דא.

און יענע קריטישע מינוטן, ווען אלע דאקטוירים שטייען ארום, געט משה'לע א הייב אויף דעם קאפ און צו זיין שרעק דערזעט ער נישט זיין טאטן.

משה'לע הייבט אן צו וויינען, "טאטע, טאטע, פונקט יעצט האסטו מיר איבערגעלאזט?"

דאן קוקט ער זיך ארום און דערזעט פון די זייט א קליין פענסטער'ל. דארט דערקענט ער די פנים פון זיין טאטן. ניין זיין טאטע האט אים נישט פארלאזט, זיין טאטע איז דא, נעבן אים און היט אויף אים. אצינד קוקט ער טאקע פון א קליין לעכל, אבער דער טאטע איז דא, ער זעט מיר.

משה'לע האט זיך באַרואיגט.

\- - -

אויך יוסף הצדיק איז אריבער פאר אונז אלע א שווערע תקופה. מיר ווייסן נישט און פארשטייען נישט די וועגן פון באשעפער. יוסף וואנדערט מיט שרעק, אבער פלוצלינג זעט ער א קליין פענסטער. א זעקל בשמים. א וואונק פון הימל "עמו אנכי בצרה" איך בין דא מיט דיר. אייביג אלעמאל.

די ישמעאלים וואס טראגן געווענליך גאזאלין טראגן היינט בשמים, ווייל דער אייבערשטער ווייזט פאר יוסף און פאר אלע אידן אין אלע אומשטענדן אז ער איז דא מיט אונז.

דאס איז וואס דער רבי זאגט, אן עצה ברייט צו מאכן צרות, "בצר הרחבת לי", זוך דאס גוטס, זוך די בשמים אין די פראבלעם, מיט דעם איז מען זוכה ארויסצוגיין פון די צער.

\- - -

איך האב די וואך מיטגעהאלטן מיין אייגענע "פרשת בשמים", וואס איך וויל מיטטיילן מיט אייך. עס איז אויף מיר איבערגעגאנגען א וואך אזוי ווי עס איז אמאל איבערגעגאנגען אויף דיר. אזוי ווי איז עס אמאל ביי דיר און אמאל ביי מיר

עס איז מיר געווען שווער אויפ'ן הארץ. איין טאג און נאך איינס און איך האב אנגעהויבן שפירן, "איך בין אינגאנצן אליין... קיינער קען מיר נישט פארשטיין..."

איך בין געווען אפגעשוואכט אין מח וואס דאס האט אטאמאטיש אפעקטירט מיין כח און צו דעם איז אונטערגעקומען אפאר קלייניגקייטן (ליין: אייבערשטער) וואס האבן נישט ערמעגליכט אז די שטוב ווירטשאפט זאל זיך פירן כסדר. א צובראכענע דרייער - א בעיבי

מיט פיבער – אן אפגעזאגטע העלפערקע.

איך וועק זיך אויף פרייטאג אינדערפרי, עס איז מיר אומעטיג אויפ'ן הארץ, די הויז האט נאכנישט קיין שבת'דיגע צורה.

געוועגליך פרוביר איך אז די שבת זאל זיין אפגעקאכט דאנערשטאג א דאנק די פרויען שיעורים ב"ה, די טישטוך אויפ'ן טיש, און דא האלט איך פאר אלעם און איך קען זיך נישט מצמצם זיין. איך האב געהאט בדעה צו מאכן פרישע חלות און אפילו סאוער דוי לכבוד די סיום פון מיין אינגל. דא טרעף איך זיך אן כח, אן מוט, אלע שיינע חיזוק פארגעסן אדער פארשטעקט און איך האלט פאר "אלף."

פרעגט מיר נישט פארוואס, אבער איך בין שטעקן געבליבן ביי די סאוער דוי. און געגעבן א מאך א תפילה "באשעפער איך וויל אזוי שטארק היימישע סאוער דוי אויף שבת."

איך האב ארויפגעשארט די ארבל און פרובירט מיט אלע כוחות אוועקצושטופן די אומעטיגע מחשבות, אנגעצינדן מוזיק און אנגעהויבן מאכן שבת. די סאוער דוי מחשבה שוין פארשטופט אויף אן אנדערע וואך, ווייל עס איז שוין נישט געבליבן צייט עס צו מאכן.

אביסל שפעטער האב איך געדארפט גיין אפנעמען א פעקל פון איינעם אין שטוב. זייענדיג ביי איר האבן מיר פארפירט א קורצע שמועס און איידער איך בין ארויס רופט זי זיך אן צו מיר, "אז דו ביסט שוין דא, נעם אהיים עפעס לכבוד שבת." אזוי רעדנדיג ברענגט זי ארויס פון קאך א פרישע הייסע סויער דוי. "פריש און היימיש" זאגט זי מיר.

איך האב געקוקט אבער בכלל נישט געזען סאוער דוי. איך האב געזען אייבערשטער. איך האב בכלל נישט געשמעקט די פרישע גערוך פון חלות, איך האב געשמעקט די בשמים פון יוסף הצדיק.

אבער די מעשה גייט ווייטער. איך האב ב"ה צוגעענדיגט די הכנות און נאך אנגעיאגט צו כאפן א דרימל. ווען איך בין אריינגעקומען שפעטער אין קאך זע איך צו מיין וואונדער אויפ'ן קאונטער א צווייטע שיינע, פרישע סאוער דוי.

איך וואונדער זיך הויעך און פרעג די קינדער "וואס איז דאס?" דערציילן זיי מיר אז משפחת... האט דאס פריער געברענגט, אלץ הכרת הטוב אויף א טובה וואס זי האט געהאט פון אונז א שטיק צייט פריער.

איך האב געהאט יענעם שבת לחם הפנים פון באשעפער אליינס! ביי די לחם הפנים שטייט אז עס האט זיך געהאלטן פריש א גאנצע וואך. דער ראש ישיבה האט אמאל נאכגעזאגט פון מוהרא"ש א שיינע פשט אין דעם אז די ליכט פון שרה האבן געברענט א גאנצע וואך. מוהרא"ש זי"ע האט געזאגט: מענטשן מיינען אז נאר די פאר מינוט פון לעכט צינדן איז אן "עת רצון." ביי שרה האבן די ליכט געברענט א גאנצע וואך, א גאנצע וואך האט זי גענוצט דעם עת רצון פון מתפלל זיין און בעטן אזוי ווי א צווייטע ביי ליכט בענטשן.

אזוי אויך אפשר מיט די ברכה אין די טייג, א גאנצע וואך האט שרה געזען א ברכה אין די טייג, אין אלעס וואס זי טוט.

אפשר קען מען אויך אזוי זאגן אויף די לחם הפנים, עס איז געבליבן פריש ביי אידישע קינדער א גאנצע וואך דעם "הזן את העולם כולו בטובו ברחמים..." מען האט געלעבט מיט דעם אז דער אייבערשטער געט לעבן און צום לעבן. בגשמיות, ברוחניות, בנפשיות, ער איז אונז מהוה און מחי'.

די ווארימע חלה וואס איך האב באקומען יענע שבת גלייך פון באשעפער, זעטיגט מיר נאך יעצט און דערמאנט מיר אז מיין טאטע איז דא און איז משגיח אויף יעדע פרט ופרט אין מיין לעבן.

חז"ל זאגן אונז "משגיח מן החלונות מציץ מן החרקים" צומאל דאכט זיך אונז אז דער אייבערשטער קוקט פון א פענסטער און צומאל זעט דאס אויס פון א שפאלט. וואס איז די נפקא מינה? דער חילוק איז אז ווען איך קוק ארויס פון פענסטער, זע איך יענעם און יענער זעט מיר צוריק, אבער ווען איך קוק ארויס פון א שפאלט איז שוין א צווייטע בחינה. אמת, איך זע יענעם פונקט די זעלבע, נאר יענער זעט מיר נישט.

צומאל שפירט זיך אומעטיג אויפ'ן הארץ. עס איז א הסתר פנים, דער אייבערשטער כביכול קוקט פון א שפאלט, אבער ער זעט אונז די זעלבע. אני מאמין באמונה שלימה, איך גלייב מיט מיין גאנצע הארץ הוא בורא ומנהיג ער באשאפט און ער פירט, אפילו איך דערקען אים נישט אלעמאל גלייך.

דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט אמאל געזאגט אז ער האט נישט מורא פאר'ן הסתר פנים וואס וועט זיין אין די זמן איידער משיח וועט קומען, ער האט נאר מורא אויף דעם וואס מען וועט נישט וויסן אז דאס איז א הסתר פנים. מענטשן וועלן חלילה מיינען אז די וועלט פירט זיך מיט מזל, מקרה און טבע ח"ו, און אריינפאלן אין פאניק און שרעק.

לאמיר מאכן תפילה אז מיר זאלן קיין רגע נישט פארגעסן ווער עס פירט די וועלט, פון מלחמות איבער די וועלט, צרות און קרענק רח"ל, ביז צו די צוגעברענטע נאכטמאל, דאס פארשפעטיגונג פון דעם מאן, די גוסטע פון די קינדער, און די געהאלט וואס קומט יא אדער נישט אריין אין אונזער הויז.

און יא, אז א מענטש איז זוכה צו טרעפן די פעקעלעך בשמים, ווערט דאס לעבן זיס און אנגענעם, ווייל איך דערקען מיין טאטן.

מיין שכנ'טע דערציילט מיר אז זי איז געווען זייער צובראכן. שוין אפאר וואכן וואס זי וויל זיך ערלויבן און קויפן עפעס א חפץ פאר די שטוב, עפעס א שיינע "עקסטערס" און איר מאן האלט איר אין איין זאגן, "אפשר די קומענדיגע וואך." ב"ה די הוצאות זענען גרויס אבער די הכנסות (די אינקאם) וואקסט נישט מיט די אויסגאבן.

איין טאג איז זי געווען מיט איר מאן אין גראסערי, און א אינגערמאן – ווועמען איר מאן האט געקענט אלץ אן ארנטליכער און אזא איינער וואס ארבעט שווער פאר פרנסה – קומט צו מיט אן אראפגעלאזטע קאפ און בעט אים שטילערהייט, "אפשר קענסטו מיר העלפן מיט מיין שבת ארדער, איך בין געקומען מאכן די ארדער פאר מיין ווייב, אבער איך האב נישט פון וואו צו באצאלן."

איר מאן האט תיכף ארויסגענומען וואס ער האט געהאט און עס געגעבן פאר יענעם. און זי האט זיך געטראפן דאנקען דעם אייבערשטן, "שכח אייבערשטער אויף וואס איך האב יא. שכח אייבערשטער אז מיין מאן שטייט נישט אין געשעפט נאך געלט..."

קוק גוט אריין וועסטו זען אז אין יעדע פראבלעם, אין יעדע שוועריגקייט איז דא אויף וואס צו לויבן. לאמיר אויפזוכן די פינטעלעך, טיף איינאטעמען די בשמים און זיך פארלאזן אויף אונזער גרויסן טאטן וואס איז "ביי מיר, נעבן מיר און אין מיר..."

און דאס געבט כח איבערצוגיין אלעס, ווייל אז עס איז פון דיר... גייט מיר גוט!!

ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענגט, ווערן בעסער איך בענק, כאטש עפעס איך געדענק

## יעדער זעהט! Up to date!

מיט א שטאלצע געמיט,
זי מעסט אירע טריט,
אה! זי פילט זיך גוט...
ערגעץ ביי די זייט,
פון איר טייערע קלייד,
איז עס ארויפגענייט...

זי האט זיך נישט געלאזט,
„טאטי, עס איז א must!"
אפילו עס קאסט"...
אלע אירע פרענד,
ווערן פארבלענד,
פאר דעם brand...

און די טאטעס,
אויסגעקוועטשטע שמאטעס,
צאלן הויכע ראטעס...
עס שטייען די בענק,
אויף די ברייט און לענג,
און מאכן זיי ענג...
„מיט ריבית איך מָאן עס"
נישטא קיין רחמנות,
נישטא קיין וותרנות...
די חובות ווער דערהייבט?
אבער ווייטער מען Swiped...
מען מוז פיטן אין די Vibe...

ביז איינמאל,
באשלאסן האט די סקול,
א שטרענגע rule!
זיי נעמען עס אין די הענט,
גענוג געספענדט,
אידיש געלט פארברענט...

גענוג בלוט געצאפט,
Brands געshopped',
שוין יעצט מען stopped!
אין סקול אריין,
מען קומט נישט, ניין!
מיט brands צו גיין...

די מיידלעך מיט פארדרוס,
באקלאגן זיך פארוואס,
די סקול איז בעל הבית?!
מיר וועלן זיך אן עצה געבן,
מיט א שטיקל טעיפ ארויפקלעבן,
באדעקן די brand label...
**א כבוד אזא קלייד,**
ווייל דארט ביי די זייט,
די סקאטש טעיפ צייגט.
יעדער עס זעט,
מיין פרענד, מיין classmate,
איך בין up to date!

נאך א מיידל גייט, מיט א טעיפ
ביי די זייט...
און דארנאך נאך א מיידל גייט,
מיט א טעיפ ביי די זייט...

און נאכדעם נאך א מיידל גייט,
מיט א טעיפ ביי די זייט...

ביז א האלבע סקול גייט מיט א
טעיפ ביי די זייט...
און די אנדערע האלב פרעגט למה
נגרע?
אז מיר האבן נישט די ברענד
נעים...
וועגן דעם, זיין פארשעמט?!
מיר מעגן זיין די same...
און זיי לייגן א סקאטש טעיפ
פלעין,
צו פיטן אין די סיסטעם...

און די ארעמע און די רייכע,
אלע זענען שוין גלייכע...
מען זעט מער נישט קיין חילוק,
א קלייד טייער אדער ביליג.
אלע פילן ביי זיך גוט,
און מעסטן זייערע טריט...

**דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט נאך די מעשה ווי עס האט אים זייער פריילך געמאכט צו הערן אזא געשעעניש ווי אלע, ארעמע און רייכע, קוקן אויס גוט אנגעטון, זענען פריילך, און קיינער שפירט נישט מינדערווערטיג קעגן דעם צווייטן.**

# הער א מעשה

## ג. אפפעל
קרית ברסלב

פארגאנגענעם שבת האב איך געהאט גאר שטארקע ווייטאג אין די פיס.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל ווערקגיין, אויך האב איך צוגעזאגט א מעשה פון תפילה אין די בלעטל..

שכח אייבערשטער עס איז אוועקגעגאנגען פון וואו עס איז געקומען.

## מ. יעקבסון
מודיעין עלית

איך האב באשטעלט שיך, און ס'איז געשטאנען אז ס'דארף אנקומען אין דריי וואכן ארום.

ס'איז אריבער מער ווי א חודש און ס'איז למעשה נישט אנגעקומען, איך האב זיי געשיקט אן אימעיל פרעגן וואס איז מיט דעם, זיי האבן מיר צוריק געשיקט אז ס'קען זיין אז ס,האט זיך פארלוירן, און איך וועל עס דארפן נאכאמאל באשטעלן.

אבער איך האב נאך אלס געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס באקומען..

יא, שכח אייבערשטער ס'איז טאקע אנגעקומען צום סוף!

## א פרוי
פון אמעריקע

איך האב געהאט א גאל שטיינער אטאקע שבת קודש, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אוועקגיין.

ביי די לעצטע האב איך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אוועקגיין און אז איך וועל עס מפרסם זיין אינעם בלעטל. ברוך השם עס איז אוועקגעגאנגען.

שפעטער איז עס נאכאמאל צוריקגעקומען, און איך האב נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אוועקגיין..

שכח אייבערשטער עס איז אוועקגעגאנגען און מער נישט צוריקגעקומען.

## מ. ג
לינדן

די לעצטע צוויי וואכן ערב שבת האב איך נישט געקענט באקומען די בלעטל.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל א בלעטל לכבוד שבת ווייל עס איז מיין עונג שבת. עס קומט מיר קוים אויס צו ליינען אינמיטן וואך.

ברוך השם ביידע מאל אויף אינטערעסאנטע וועגן האב איך באקומען דעם בלעטל. עס איז אינטערעסאנט אז מיין טאכטער האט מיך געפרעגט "מאמי, פארוואס בעטסטו דעם אייבערשטן?" אזוי אז ווען איך האב דאס באקומען האב איך געקענט איר נאכאמאל אויסלערנען אז תפילה העלפט באמת.



# Donuts

BY: S. BAUM

## INGREDIENTS:

- 7 CUPS FLOUR
- 3 TABLESPOON SUGAR
- 4 OZ YEAST
- 1 CUP WARM WATER
- 3/4 CUP ORANGE JUICE
- 1 1/2 STICKS MARGARINE
- 1 TEASPOON SALT
- 5 EGG YOLKS
- 1 EGG
- 4 VANILLA SUGAR

## GLAZE:

- 1 1/2 CUP CONNECTION SUGAR
- 4 TABLESPOON COCOA
- 2 TABLESPOONS HOT WATER
- 1 TEASPOON OIL
- 1 TSP VANILLA EXTRACT

THANKS P. ZUSSMAN

## DIRECTIONS:

DOUGH:

- IN A SMALL BOWL ACTIVATE WATER AND YEAST.
- ADD REST OF INGREDIENTS TO A BOWL AND MIX.
- ONCE THE YEAST IS ACTIVATED ADD IT TO THE MIXTURE AND MIX WELL TO FORM A SMOOTH DOUGH.
- SET ASIDE TO RISE FOR 30 MIN.
- ROLL OUT DOUGH INTO A THICK RECTANGLE AND WITH A CUTTER SHAPE IT INTO CIRCLES.
- PLACE ONTO FLOURED SHEET TO RISE ANOTHER 3 MIN. DEEP FRY.

GLAZE:

- MIX ALL INGREDIENTS.
- ADD MORE WATER UNTIL DESIRED CONSISTENCY
- ONCE DONUTS ARE COOLED DIP DONUTS IN GLAZE.

NOTES: FOR MORE EXCITING GLAZE SKIP THE COCOA AND ADD A FEW DROPS OF FOOD COLORING FOR A COLORED GLAZE.

ג. פעקעטע



# וואס זאגט
# די מומע?

**מ**יין מומע איז א קלוגע, געלונגענע פרוי. אלע יארן האט זי עוסק געווען אין חסד, צדקה און ארויסהעלפן נאך משפחות, בשעתן אויפציען אן ערליכע שטוב. זי האלט שוין יעצט אין די יארן וואס רוב פון איר קינדער האבן שוין אליינס אויפגעשטעלט אייגענע שטיבער.

פאריאר ביי א חנוכה מסיבה, האב איך געכאפט א שיינע שמועס מיט מיין מומע. זאגט זי מיר אין די שמועס אז אין איר יארן, מיט די אייניקלעך שוין ב"ה, קוקט מען אנדערש אויף קינדער. מען האט אזוי הנאה פון יעדע זיס ווארט וואס דאס קינד זאגט ארויס, מען קוקט מיט מער רחמנות אויגן אויף די ווייטאג וואס א קליין קינד גייט דורך ווען זיי ציינדלען, מען הערט אויס די ווערטער'לעך וואס די קינדער דערציילן, און זייערע זיסע קינדערישע געשעענישן.

אבער ווען מען איז א מאמע אין די 'עקטיב' יארן, איז שווער אויסצוהערן די געפילן פון די קינדער'ס ווערטער, איז שווער צו זיצן און וויגן א וויינענדיגע בעיבי, ווען עס איז דא נאך הונדערט זאכן וואס דארפן ווערן געטון אויף די זעלבע מינוט. אבער זי פארציילט מיר, אז עס קומט א טאג וואס מען האט אביסל מער צייט, און דעמאלט זעט מען די זיסקייט פון די קינדער, די חכמות וואס זיי האלטן אין איין ארויפברענגען, די בענקשאפט וואס די קינדער שפירן צו די מאמע פאר איין גוט ווארט, כאטשיג א ווארעמע בליק,

אבער אזוי איז עס אין לעבן-

"To be old and wise you first have to be young and stupid"

מען וויל זיך נישט לערנען פון יענעמס עקספיריענס, מען דארף עס אליין דורכגיין צו גלייבן דאס וואס איינער מיט מער ערפארונג זאגט דיר איז די וועג.

ערב חנוכה, כ"ג כסלו, איז די יארצייט פון מיין טייערע באבע (לע"נ חי'ה אסתר בת ר' בנציון דוד). מיין באבע פלעגט זיך אלעמאל צומאכן איר מויל, און געעפענט נאר אירע טאשן און טירן. כאטש פיל געלט האט זי נישט געהאט ביי זיך אין טאש, האט זי אבער געגעבן ווארימע עסן ארימגענימען מיט הארץ און ווארעמקייט, אן אפענע טיר פאר איר אלע קינדער און אייניקלעך - צו קומען סיי ווען - און האבן א

## א מעשה אויף למעשה

ווארעמע פלאץ צו פילן 'עקסעפטיד' צו פילן אנגענומען אזוי ווי זיי זענען.

איר מויל איז אלעמאל געבליבן פארשלאסן פון קריטיקירן. עס איז געווען אסאך צו זאגן, אבער זי האט זיך געהאלטן שטיל און געגעבן פאר יעדעם א גוטע געפיל, אז מען האט געוואלט קומען נאכאמאל און נאכאמאל, ווייל עס האט זיך געשפירט ווי א פלאץ וואס מען ווערט נישט 'גע'judge'ט' א פלאץ וואס יעדער איינער איז 'welcome', יעדער איינער איז באליבט און חשוב."

מיט נאסטאלגיע אין איר שטימע זאגט מיין מומע ווייטער: "מיין מאמע/באבי פלעגט קיינמאל קריטיקירן אדער זיך אריין שטיפן איר נאז אין מיין חינוך אדער געשעפטן. נאר איין זאך פלעגט זי מיר יא כסדר דערמאנען "זיך אינדערהיים מיט די קינדער". יעצט פארשטיי איך שוין זייער גוט פארוואס מיין מאמע פלעגט מיר דאס זאגן אלע יארן, איך האב עס אבער דאן נישט געוואלט אויסהערן".

מיין מומע זאגט, זי האט עס נישט געקענט פארשטיין. וואס איז שלעכט אז איך גיי ארויס בייטאג וווען די קינדער זענען אין חדר אין שולע, איך טו אביסל חסד, איך מאך אביסל 'ערערענדס' און איך לופטער זיך אביסל אויס אין די 'מאללס' און דאן בין איך צוריק אין צייט פאר די באסעס, "איך בין דאך אינדערהיים צו די קינדער", האט זי צוגעלייגט.

זי פלעגט יעדע שטיק צייט עוסק זיין אין א צווייטע מין געשעפט, א צווייטע 'קאורס', געבן שעורים... "יעצט", זאגט זי, מיט א שטימע פול מיט חרטה, "וואלט איך קיינמאל נישט געטון אזא זאך! אז איך בין דען נאכאמאל א מאמע פאר קליינע קינדער, וואלט איך געזיצן אינדערהיים און געווארט אז מיין מאן און קינדער זאלן אהיימקומען. מיין מח וואלט איך געלאזט ליידיג און קלאר זיך צו קענען אפגעבן און אויסהערן מיין מאן און מיינע קינדער, ווען זיי קומען אהיים נאך א לאנגע טאג. זיי האבן נישט קיינעם אנדערש פאר וועם צו דערציילן זייער טאג, זייערע מחשבות, און זייערע זיסע חלומות. די מאמע איז זייער baseboard די מאמע איז די פלאץ וואו זיי קענען אלעס ארויסגעבן. אבער אויב די מאמע'ס מח איז נישט דא, אויב די מאמע טראכט, מארגן דארף איך ארייגלויפן אין געשעפט, און איבערמארגן דארף איך מאכן סדר אין מיין שכנ'טעס 'דיספאנקשינעל' קלאזעטס, אדער נאך פרעמדע מחשבות וואס נעמען אוועק איר מח פון אירע קליינע קינדערלעך, שפירן די קינדער ווי זיי רעדן צו די וואנט." מיין מומע לייגט צו, אז זי פלעגט אמאל צוריק ענטפערן "איך בין אלעמאל אינדערהיים פאר די באס".

אבער עס איז נישט גענוג אז די גוף איז אינדערהיים, האט זי זיך געלערנט אין די שפעטערע יארן- נאר זי האט איינגעזען אז איר מאמע איז געווען גערעכט- די מח, די הארץ, און די נשמה פון די מאמע דארף זיין אינגאנצן אין איר שטוב, אז זי זאל גרינגער קענען אויפציען אירע קינדער געזונט און ערליך. עס האט אויך א גרויס השפעה אויף די מאן אז ער האט א פרוי אין שטוב וואס ווארט אים אלעמאל אפ, טראכט פון אים בעפאר א צווייטן, און איז 'פולי פרעזענט' - אינגאנצן דא פאר איר מאן.

א מאן קען דאס גלייך שפירן' און דאס מאכט אים ווילן אהיימקומען נאך פריער' ארויס העלפן און פארברענגען מיט זיין ווייב, איר אויסהערן, און פרייליך מאכן אין שטוב, ווייל ער שפירט וויכטיג- ווי מען דארף אים- און נישט ווי ער קומט צווייט, נאך אלע וויכטיגע פרעמדע פראיעקטן פון זיין ווייב, וואס האט אפשר פארגעסן אז charity begins at home חסד הויבט זיך אן אינדערהיים מיט די מאן און קינדער.

איך האב אויסגעהערט מיין מומע און עטוואס צוגעשטימט.

ביינאכט נאך די מסיבה האב איך אריין געטראכט דערין. איך האב געזען אז אפילו איך בין יעצט אין די יונגערע יארן, איך האלט נאך אינמיטן די 'האריקעין' פון אויפציען קינדער, דייפערן קינדער, באדן קינדער, לייגן שלאפן קינדער, פיטערן קינדער. אבער אז מיין מאמע אדער באבע, אדער סיי וועלכע עלטערע און קלוגערע מענטש פון מיר וועט מיך אמאל זאגן א ווארט, דארף איך נישט אזוי שנעל זיך אפשאקלען פון די ווארט, און האלטן אז איך בין קלוגער. ווייל צום סוף זעהט מען איין אז זיי זענען געווען גערעכט (אין רוב געזינטע פעלער).

אין די טעג פון חנוכה, קומט עס אויס מער, און אויף אסאך א שטערקערע פארנעם. מען טרעפט זיך מיט די עלטערן, מען טרעפט זיך מיט די באבעס, און אויך מיט אסאך מומעס וואס האבן ליב צו זאגן זייערע דעות. ניין, איך בוי נישט מיין שטוב אויף דאס וואס א מומע האט געזאגט, וואס זי האט זיך געלערנט פון א לינקע 'פערענטיג' בוך. איך בוי מיין שטוב אויף וואס די צדיקים זאגן, אבער וואס יא? איך עפן מיינע אויערן, און איך הער אויס וואס מיינע עלטערע און קלוגערע האבן צו זאגן, איך הער וואס זיי זענען שוין אדורך במשך זייער לעבן, און איך ענטפער נישט צוריק, איך בלייב שטיל מיט גרויס דרך ארץ. צומאל וועט דיר די פערל ווערטער צוניץ קומען און נאך ארויסהעלפן אין לעבן.

עס איז כדי צו מאכן אפאר קורצע תפילות פאר מען גייט ארויס צו א חנוכה מסיבה. סיי ביי די עלטערן אדער ביי די שוויגער עלטערן, און בעטן דעם אייבערשטער "באשעפער העלף מען זאל אהיימקומען פרייליכערהייט, מען זאל קענען מאכן א קידוש ה', און זיין א שטיק הפצה, פארשפרייטן אז א פרוי וואס לעבט מיט דעם רבי'נס עצות איז א פרייליכע פרוי, איז א רואיגע מאמע, און האט א ווארעמע מיט איר מאן און קינדער". אויך קען מען בעטן דעם אייבערשטען "באשעפער העלף עס זאל מיר נישט ווי טון אויב איינער זאגט מיר עפעס, און איך זאל נישט צוריקזאגן און זיך נישט האלטן קלוגער פון יעדן איינעם".

- - -

וישב יעקב - ווען יעקב האט זיך אין די שפעטער יארן באזעצט, בארץ מגורי אביו - און די לאנד פון זיין טאטע, נאך יארן פון ארבעטן פאר זיין שידוך, האדעווען קינדער, אנטלויפן פון פיינט, הארעווען אין די תורה. שטייט אז יעצט איז ער געגאנגען אין די וועגן פון זיין טאטע - געטוען ווי זיין טאטע יצחק אבינו און זיידע אברהם אבינו....

ס'קומט א צייט וואס מען זעהט איין אין זייער אמת'ע ווערטער. ווען?

מיין טייערע מאמע זאגט אלץ: וראה בנים לבניך - ווען דו האסט שוין אליין קינדער און אייניקלעך - דעמאלט ווערט - שלום על ישראל - ווייל מען פארשטייט שוין און שעצט שוין זייערע ווערטער.

מיר אידן ווייסן דאך באמת יא, אונזערע צדיקים און עלטערן זענען קלוגער ווי אונז, נאר צומאל נעמט צייט עס צו קענען פרייליכערהייט אננעמען.



# קינדער בלעטל

צום שמייכלען:

## א חיה וואס טאנצט העכער פון א בנין...

**קאמיקס:** מוהרא"ש קומט אן צום רבינ'ס ציון צום ערשטן מאל אין זיין לעבן!



# יאקאב!

*פארזעצונג פון פריער:* ***יעקב (יאקאב) איז אנטלאפן קיין רוסלאנד דורך וועלדער. ער איז אנגעקומען צו א פארווארפענע פארם אין אוזבעקיסטאן. יאקאב האט ווי אלע אין קאלכאז אויך באקומען קיופאנס. אבער יאקאב זייענדיג א אידיש קינד האט נישט גענוצט די "פלייש קיופאנס." ער האט דאס אבער אויך נישט אוועקגעווארפן, נאר ער האט דאס אוועקגעלייגט, קלערנדיג אז אפשר וועט קומען א טאג ווען ער וועט דאס דארפן נוצן.***

די גוים פון קאלכאז האבן גערופן יאקאב זאל קומען שלאפן מיט זיי, אבער ווי מיר האבן שוין געשריבן האט יאקאב נישט געוואלט שלאפן אדער פארברענגען מיט גוים.

דעריבער האט ער זיך אויסגעוועלט צו וואוינען אינדרויסן פון די געמיינדע אין א קליינע בודקע איינער אליינס.

צווישן די גוים האט מען געשמועסט אז עס טוט זיך שרעקליכע רציחות און מען הרג'עט אויס מיליאנען אידן אין אייראפע. יאקאב האט דאס אלעס געהערט און געשוויגן, צווינגענדיג זיך נישט ארויסצואווייזן זיין שרעק און פארלוירנקייט. שפעטער אין די נעכט, פלעגט ער זיך אויסוויינען צום אייבערשטן און אים אויסדערציילן זיין שרעק.

יאקאב האט דאן געמיינט אז ער וועט בלייבן די איינציגסטע איד וואס איז געבליבן לעבן אויף די וועלט. אבער דערווייל האט ער געזוכט צו האלטן א סוד וועגן זיין אפשטאם און אנגיין מיט'ן לעבן, ביז עס וועט זיך מאכן א געלעגנהייט און ער וועט קענען אהיימפארן זוכן אויב איינער איז נאך געבליבן לעבן.

אזוי האט יאקאב פארברענגט זיינע טעג אין קאלכאז. צופרי פלעגט ער זיצן אויפ'ן טראקטער און זיך אויסבענקען דאס הארץ צו זיין ישיבה, זיין משפחה, זיינע לעכטיגע טעג, און ביינאכט פלעגט ער שלאפן אליינס, אין א פארלאזטע ביידל אויסגעשטעלט צו חיות און שרעקעדיגע זאכן, ווי איידער צו שלאפן מיט נידריגע און שמוציגע גוים.

נישט איינמאל פלעגן קומען צום אים הונגעריגע חיות און דער אייבערשטער האט אים יעדעס מאל געהאלפן, ער איז ארויס אומבאשעדיגט. איינמאל האט יאקאב געהאט א נס אז ער איז איינגעשלאפן און זיך גע'חלומ'ט ווי א וואלף שטייט נעבן אים מיט אן אפענע מויל. יאקאב האט זיך אויפגעוועקט מיט שרעק און געזען אז דאס איז נישט געווען א חלום, נאר אן אמת. שנעל שנעל האט ער געכאפט צוויי שטיינער און עס צוזאמגעריבן, אזוי איז ארויסגעקומען פונקען פייער און די וואלף האט זיך דערשראקן און איז אנטלאפן.

אין די נעכט פלעגט יאקאב זיך אויסגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן. יאקאב האט זייער שיין געקענט שפילן אויף א פייפערל. שפעט ביינאכט פלעגט ער זיצן און זינגען ווארימע ניגונים וואס האבן אים ערוועקט צו תשובה און אים דערמאנט פון זיין הייליגע

ש. טראכטער

6

אפשטאם. דאס האט אים געגעבן די כח אנצוגיין נאך אביסל און נאך אביסל...

זיינע ניגונים זענען געווען פול מיט בענקשאפט און האפענונג, און אזוי הארציג, אז עס האט צוגעצויגן אפילו די טאזשיקן פון דעם קאלכאז. זיי פלעגן שטילערהייט קומען אין די נעכט און זיך צוהערן פונדערווייטנס צו די הערליכע און וואונדערליכע ניגונים וואס האט זיי ממש באגייסטערט.

די גוים פלעגן זיך וואונדערן, "ווער איז דער אינטערעסאנטער בחור? און פון וואו קומט ער? וואס איז דער סוד וואס ער טראגט אונטער זיך? ער זעט נישט אויס ווי עפעס א נידריגע ארימע יונג וואס זוכט ארבעט, ער זעט אויס עפעס מער, עפעס העכער. זיי האבן געזען אויף זיין אויפפירונג אז ער געהערט צו עפעס א העכערע פאלק, אבער זיי האבן נישט געוואוסט וואס דאס איז. זיי האבן זייער רעספעקטירט דעם מיסטעריעזן יאקאב און אים אפגעגעבן כבוד.

**זייענדיג צווישן גוים האט יעקב פארשטאנען אז ער דארף פארשטעקן זיין אידישע אפשטאם, און ווען זיי האבן אים געפרעגט זיין נאמען האט ער זיי געענטפערט: "יאקאב!"**

יאקאב פלעגט זיך דאך אזוי בענקען צו די ליכטיגע טעג פון באראנאוויטש, פון ווילנא, פון די גמרא ניגון פון זיין ראש ישיבה ר' אהרן קאטלער זי"ע. זיין גוף איז אפשר געווען אין קאלכאז, אבער זיין מח און זיין הארץ איז געווען נעבן זיין חברותא ווען ער קאכט אריין אין א סוגיא. אך, איז דען דא א זיסערע און געשמאקערע טעם אויף דער וועלט ווי די טעם פון תורה?

איין פרייטאג צונאכטס זיצט יאקאב ביי זיך אין זיין כאטקע און זינגט צו זיך שטילערהייט "שלום עליכם מלאכי השרת...." זיינע אויגן זענען אנגעפולט מיט טרערן פון בענקעניש. ער בענקט נאך די ליכטיגע שבתים אינדערהיים, וואו דער טאטע זיצט אויבנאן, די מאמע מיט איר ווייסע טיכל און ווייסע פארטוך זיצט ווי א מלכה. ער זעט דורך זיינע פארטרערטע אויגן די הייליגע לעכט, ער שמעקט די פרישע חלות, ער הערט דעם טאטנ'ס אנגענעמע שטימע ווי ער זינגט זמירות און מאכט קידוש. און אט זיצט ער דא אין אוזבעקיסטאן און פרובירט צו שאפן א נחת רוח פאר'ן באשעפער פון וואו ער איז. ער שטרענגט זיך אן מיט אלע כוחות צו היטן שבת און בלייבן פריילעך.

יאקאב וויל זיך שוין גיין לייגן, ווען פלוצלינג הערט ער א גערויש פון אינדרויסן. יאקאב ווערט דערשראקן, ווער דרייט זיך דא אין די טונקלקייט פון די נאכט? געוויס א חי'. אבער ניין. יאקאב הערט מענטשליכע שטימעס וואס קומען אלץ נענטער און נענטער. די שטימעס זענען אבער נישט אויס שרעקעדיג.

יאקאב האט ארויסגעקוקט פון פענסטער און דערקענט א גרופע טאדזשיקן זיך דערנענטערן צו זיין וואוינארט. יאקאב איז ארויס צו זיי און זיי געפרעגט פארוואס זיי קומען אים באזוכן.

מיט עקסטאז זאגן זיי אים, "יאקאב, יאג זיך אונטער דער הויפט רופט דיר, ער וויל אז דו זאלסט שוין קומען צו אים."

אפזאגן דעם הויפט איז נישט געקומען אין באטראכט. דער הויפט האט געהאט א שטארקע כח איבער אלע איינוואוינער פון קאלכאז און זיינס א ווארט האט געמוזט ווערן אויסגעפירט.

דעריבער האט יאקאב זיך אויפגעהויבן און איז אריבער מיט די יונגן צום הויפט, וועלכע איז דאן געזעצן אין די "טיי הויז" פון קאלכאז. דאס איז געווען די פלאץ וואו די מענטשן פון קאלכאז פלעגן זיך צוזאמקומען ביינאכט פארברענגען אינאיינעם.

יאקאב האט זיך געוואונדערט וואס קען זיין אזוי דריגנד אז דער הויפט זאל אים רופן דוקא יעצט?

*פארזעצונג קומט אי"ה*

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט געשריבן פאר זיין איידעם יוסקע: "מאך נישט פון עיקר טפל און פון טפל עיקר!"

## ברסלב'ע חידות

**מוהרא"ש האט געזאגט: ווען איך וועל ארויפקומען אויבן אין הימל וועל איך איבערדרייען בית דין של מעלה אז מען זאל נישט דן זיין קיין**

א. בחורים
ב. אינגעלייט
ג. רשעים
ד. עובדים

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

וואס האט מוהרא"ש ז"ע געטון אין שפיטאל אין זיינע לעצטע מינוטן איידער אוועקגיין פון די וועלט? געפאטשט און געשמייכלט!

## געב א שמייכל

**וועלכע חיה קען שפרינגען העכער פון א בנין פון הונדערט שטאק?**

יעדע חיה, ווייל א בנין פון הונדערט שטאק קען נישט שפרינגען...

געברענגט צו אייך דורך הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**לא. עַל יְדֵי אֱמוּנָה יָכוֹל לְהָבִין אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

דוּרְכְ'ן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען נָאכְדֶעם פַארְשְׁטֵייןְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.



# שרייב טישל

## לגאמיר ציך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **אליעזר שלמה אפפעל - קינדערגארטן - קרית ברסלב**

# קליין און פיין


מרדכי'לע אינדיג


מוטי פאפנהיים


פייגי און חי' ראטה


יוסי פריעדריך


פייגא יאקאבאוויטש


מרים פריעדמאן


שלומי אינדיג

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



משפחת דעפריס



אברהם יהודה הורוביץ



משפחת העסקעל און משפחת פוקס



הערשי יאקאבאוויטש



חיי יאקאבאוויטש




בית פיגא בני ברק



אברהם שמחה און לייביש און יוסי קראוס
יעקב אהרן און אליעזר שלמה לעווי



נחמן יאקאבאוויטש



נחמן נתן פעקעטע



יואליש אייזנער און שלומי שטראסער

# משפחת גליק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

פאַרִיגֶע מָאל הָאט מֶען פַּארְצֵיילְט פוּן מַיין קָאזִין שָׂרִי וָואס הָאט עֶפֶּעס אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים, וַוייל זִי הָאט נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁפִּילְן אִין דִי שְׁנֵיי. מִיטְאַמָאל אִיז מִיר בֵּייגֶעפַאלְן אַ מֶערְכְטִיגֶע פְּלַאן!

יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער: אִיךְ וֶועל קָאלְן שָׂרִי אוּן אִיר פְּרֶעגְן אוֹיבּ זִי וִויל קוּמֶען צוּ אוּנְזֶער הוֹיז, אוּן צוּזַאמֶען וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ שֵׁיינֶע הוֹיכֶע שְׁנֵיי מֶענְטְשׁ! אוֹיךְ וֶועלְוֶועלֶע אוּן הֶענְדִי וֶועלְן קוּמֶען, וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַיינְגֶעזֶען אַז קִינְדֶער אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ. שָׂרִי וֶועט זִיךְ אַזוֹי פְּרֵייעֶן!

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען פְּרֶעגְן מַיין מַאמֶע רְשׁוּת, אוּן זִי הָאט מִיר עֶרְלוֹיבְּט, יֶעצְט אִיז מִיר נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צוּ קָאלְן שָׂרִי אִיר לַאדֶענֶען צוּ קוּמֶען שְׁפִּילְן מִיט אוּנְז.

"הֶעלָאו? שָׂרִי, דוּ בִּיסְט עֶס? פּוּנְקְט צוּ דִיר הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט רֶעדְן. אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ גוּטֶע פְּלַאן, וִויאַזוֹי צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אַנְגֶענֶעם מִיט דִי שְׁנֵיי, דוּ וֶועסְט הַנָאָה הָאבְּן!" - אִיךְ הָאבּ מִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט שָׂרִי'ס שְׁטְרַאלְנְדֶע אוֹיגְן, וַוארְטֶענְדִיג נֵייגֶערִיג אוֹיף מַיין גְלֶענְצְנְדְן פָארְשְׁלַאג.

"דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ אוּנְזֶער הוֹיז אוּן מֶען וֶועט מַאכְן אַ שְׁנֵיי מֶענְטְשׁ, אוּן אֶפְשָׁר אוֹיךְ אַ הֵייל, צוּזַאמֶען מִיט מֶענְדִי, וֶועלְוֶועלֶע, הֶענְדִי אוּן נָתִי" - אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט עֶקְסְטַאז - "דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ זַיין אַ לַאנְגֶע צַייט נֶעבְּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער... אִיךְ זָאג דִיר, וֶועסְט זִיכֶער הַנָאָה הָאבְּן!"

אִיךְ הָאבּ צוּגֶעעֶנְדִיגְט מַיינֶע פֵייעֶרְדִיגֶע רֵייד אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף אַ פְלַאקֶערְדִיגֶע פְרֵיילִיכֶע עֶנְטְפֶער..

אָבֶער דִי רֶעאַקְצִיֶע אִיז גֶעקוּמֶען טְרוּקְן אוּן קַאלְט, פּוּנְקְט וִוי דִי שְׁנֵיי אוֹיפְן גַאס..

"אהממם... נֵיין! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד אָקֶעי, בֵּיי!"

שׁוֹין, אַז זִי וִויל נִישְׁט אִיז נִישְׁט! זִי דֶערְלֵייגְט!

"מַאמִי, אִיךְ קֶען אַרוֹיסְגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער, שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן?" - אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁנֶעל גֶעמַאכְט פַארְנוּמֶען, וֶועלְנְדִיג פַארְגֶעסְן פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס מִיט שָׂרִי אוּן פוּן מַיין אַנְטוֹישׁוּנְג.

מַיין מַאמֶע הָאט גֶעגֶעבְּן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן אָנְגֶעטוּן וַוארֶעם אוּן מֶען אִיז אַרוֹיס לוּסְטִיג אוּן פוּל מִיט עֶרְוַוארְטוּנְג.

דִי אַטְמָאסְפֶער אִיז גֶעוֶוען לֶעבֶּעדִיג, עֶס אִיז גֶעפְלוֹיגְן דְזְשָׁאוּקְ'ס, יֶעדֶער הָאט זִיךְ גֶעקוֹילֶערְט פוּן גֶעלֶעכְטֶער, נָאר אִיךְ בִּין עֶפֶּעס גֶעוֶוען אִין נִישְׁט אַ גוּטֶע מוּט, אַ נִישְׁט גוּטֶע גֶעפִיל הָאט מִיר בַּאגְלֵייט דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן לַאנְג נָאכְן עֶנְדִיגְן שְׁפִּילְן מִיט דִי שְׁנֵיי..

לִיגְנְדִיג אִין בֶּעט בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעשְׁמוּעֶסְט מַיין טָאג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִיךְ טוּ יֶעדֶע נַאכְט..

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, פַארְוָואס בִּין אִיךְ הַיינְט נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ? עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע טָאג, דִי שְׁנֵיי הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ פְרִישְׁקֵייט, דִי שְׁנֵיי מֶענְטְשׁ הָאט אוּנְז אוֹיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דִי וַוייסֶע כַּלָה בַּיי בָּרוּךְ'ס חֲתוּנָה וָואס גֵייט זַיין נָאךְ אַבִּיסְל. אָבֶער אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ. אָהּ... אִיךְ וֵייס פַארְוָואס, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מְהַנֶה זַיין שָׂרִי אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען אִינְאֵיינֶעם אוּן עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען.

"פַארְוָואס טַאקֶע הָאט זִי נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען?" - אִיז מִיר פְּלוּצְלוּנְג אַרַיינְגֶעקוּמֶען דִי פְרֶעג אִין מֹחַ - "אֶפְשָׁר הָאט זִי נִישְׁט לִיבּ צוּ שְׁפִּילְן מִיט שְׁנֵיי?

אֶפְשָׁר הָאט זִי שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט מִיט אַ צְוֵייטְן צוּ שְׁפִּילְן אִינְאֵיינֶעם?

אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז זִי פַארְקִילְט?

ל. סאקס

אִיךְ הָאבּ פְּרָאבִּירְט צוּ טְרַאכְטְן אַלֶע סִיבּוֹת, וָואס קֶען זִיךְ נָאךְ מַאכְן, אַז שָׂרִי זָאל נִישְׁט וֶועלְן אָדֶער נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען..

אוּן פְּלוּצְלוּנְג הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען!

אִיבֶּערְטְרַאכְטְנְדִיג מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ שָׂרִי, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז לִכְאוֹרָה אִיז זִי גֶעטְשֶׁעפֶּעט גֶעוָוארְן פוּן מַיינֶע וֶוערְטֶער..

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אִיר מִיט אַבִּיסְל גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג אוּן דֶערְנִידֶערוּנְג. זִי הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי אַ נֶעבֶּעךְ, וָואס מֶען הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר אוּן מֶען לַאדְנְט אִיר אַלְץ מִצְוָה (עֶס פֶּעלְט דָא אַפָּאר וֶוערְטֶער) מֶען דַארְף אִיר עֶכְט הָאבְּן..

אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה גֶעהַאט אוּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף מַיינֶע אוּמְפָּארְאוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט אַז אִיר אַלֵיין דַארְף אִיךְ נָאךְ אוֹיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן גֶעהָאפְּט עֶס צוּ קֶענֶען טוּן וָואס שְׁנֶעלֶער אוּן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע אוֹפָן אַז שָׂרִי זָאל נִישְׁט נָאכְאַמָאל פַארְשֶׁעמְט.

אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס אִיז וַוייטֶער גֶעוֶוען.



# דער אוצר אויפן באן

25

דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע

די ערשטמאליגע נסיעה פון מוהרא"ש זי"ע צום רבינ'ס ציון אלס אינגערמאן



# געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



**פרישע שיפמענט פון יו-עס-בי״ס פון ניגונים אנגעקומען**



**פארשריט ביים בנין התלמוד תורה אין שטעטל - ג׳ וישלח תשפ״ה**





**ווייטערדיגע פארשריט מיט די בוי ארבעט ביי די נייע הייזער אויף די בארדיטשוב גאס אין שטעטל**

קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, שמעון פיש, מאטי ראזענפעלד, אברהם אייזנער, דוד דייטש




**מסיבה פארן כולל אין לעיקוואוד - א' וישלח תשפ"ה**




**דער ראש ישיבה שליט"א זינגט ביים מצוה טאנץ פון זיין טאטע האדמו"ר מקארלסבורג שליט"א ביי א חתונה פון אן אייניקל - ב' וישלח תשפ"ה**




דער ראש ישיבה שליט"א טאנצט מיט די בחורים נאך מעריב אין ישיבה - ד' ויצא תשפ"ה



דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט די
בחורים אין ישיבה - ד' ויצא תשפ"ה



טעגליכע שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א
אין ישיבה - ד' ויצא תשפ"ה




די בחורים פון שטעטל העלפן צוגרייטן א גרויסארטיגע חלוקה פאר די תושבי העיר - א' וישלח תשפ"ה



שבע ברכות פאר החתן שמואל מרדכי שטערן נ"י
אין בית המדרש אשר בנחל



שבע ברכות פון החתן זעליג שפילמאן ני"ו



אבות ובנים אין ביהמ"ד אויף האשקי אין שטעטל - מוצש"ק ויצא תשפ"ה



יארצייט סעודה לע"נ דער הייליגער בת עין זצוק"ל אין ישיבה - ה' וישלח תשפ"ה



דער ראש ישיבה אין א שמועס מיט אנשי שלומינו